START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT
IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1874.5

Goldfaden, Abraham.
Shulamis: oder Bat-Yerushalayim : eyne muzikalishe melodramma
Varshe, 1922.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1874.5

Goldfaden, Abraham, 1840-1908.
Shulamis : oder Bat-Yerushalayim : eyne muzikalishe melodramma
Varshe : P. Kantorovitsh, 1922.
64 p. ; 23 cm.

1. Operas--Librettos. 2. Yiddish drama.—lcsh
I. BatYerushalayim. II. Poland-Warsaw

ID: NXYH00-B3164 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL: /106065

Reduction ratio X 10.0

שולמית

אדער

בת־ירושלים

איינע מוזיקאלישע מעלאדראממא אין פערזען און אין 4 אקטען
און 15 בילדער.

פערפאסט פאן

אברהם גאלדפאדען

פארלאג פ. קאנטאראוויטש
ווארשע מאריאנסקא 2.
1922

Drukarnia I. Rajchmana, Warszawa, Karmelicka 15

שולמית

אדער

בת־ירושלים

איינע מוזיקאַלישע מעלאָדראַממאַ אין פערזען און אין 4 אַקטען
און 15 בילדער.

פערפאַסט פאָן

אברהם גאָלדפאַדען

1 אקט 1 בילד

דיא עולה־רגל קין ירושלים

1 אקט 2 בילד

דיא פערבלאנזשעטע אין דער מדבר

1 אקט 3 בילד

דיא ווילדע קאץ און דער ברונען – אדער – דיא שטומטע עדות .

2 אקט 4 בילד

דער לוסטיגער אנטערהאלט און דיא רייענערטנער אין ירושלים .

2 אקט 5 בילד

דיא פערלאבונג הינטער דיא פאלמענבוימער

3 אקט 6 בילד

שולמיתים פערצווייפלונג – אדער דער שטורם אין דער וויסטע .

3 אקט 7 בילד

דער גורל .

3 אקט 8 בילד

ויא איז פונ׳ם זינען געווירט .

3 אקט 9 בילד

דערטרייענקען געווארין .

3 אקט 10 בילד

אצבע אלהים .

3 אקט 11 בילד

דיא פאסטוכער פון בית־לחם .

4 אקט 12 בילד

דאס נאטורליכער ווידערקול

4 אקט 13 בילד

דיא מאגנעטישע כהענע.

4 אקט 14 בילד

א קול פון בית־המקדש .

4 אקט 15 בילד

דיא פייערליכע פראצעסיאן אין בית המקדש .

(דיא געשיכטע קומט פאר אמאהל אין בית-לחם אמאהל אין ירושלים)

Perl. 56A

פערזאנען.

מנוח, איין אלטער בירגער פון בית-לחם
שולמית, זיין טאכטער
אבשלום, א יונגער העלד פון דעם שטאם מכבייער
ציגניטאנג אבשלום'ס דינער (אווילדער)
חנניה, אבשלום'ס פריינד
אביגיל, א כהן'ס טאכטער
צפורה, איהר נאם
שולמית'ס חתנים { יואב גדעוני א יונגער העלד / אבינדב א רייכער יונגער גוטס-בעזיטצער / נתן א סגן הכהן }
עובדיה / עזריאל / אליעזר } פאסטעכער פון בית-לחם
עולי-רגל, בחורים, בתולות, טענצער חתנים, נשים המקוננות, פאסטעכער, כהנים, לויים, פאהנענטרעגער, פאקעל-טרעגער — פאלק.

Дѣйствующія лица

Моноахъ, Виѳлеемскій старожилъ
Суламиѳь, его дочь
Абисаламъ, молодой воинъ изъ потомокъ Маккавеевъ
Цингитангъ, его слуга (дикарь)
Анания, другъ Абисалама
Абигаиль, дочь священника
Циноро, кормилица
Женихи Суламиѳи { Іоэбъ Гидони воинъ / Абинодабъ молодой помѣщикъ / Натанъ священникъ }
Овадія / Азріэль / Элиазаръ } Виѳлеемскіе пастухи
Пиллигримы, юноши, дѣвушки, танцовщицы, женихи, плакальщицы, пастухи, священники, левиты, знаменоносцы, факеленосцы—народъ.

דיא תלמודישע לעגענדע (תענית ח') איז בעארבייטעט געווארין אין דער יודישער דייטשער, רוססישער, הייברעישער שפראכע, אלס ערצעהלונג פון פערשידענע מחברים — אם בעסטין איז דאס געלונגען מיין נאטט-זייליגען שווינער-פאטער דעם בעריהמטען יודישען געלעהרטען אונד דיכטער אליהו מרדכי ווערביל זצ"ל. וואס האט דיא לעגענדע מוסטערהאפט בעארבייטעט אין העברעשין אלס פאעמא אין געדיכטע, מיט דעם נאמען „עדים נאמנים" — יעצט צום ערשטען מאהל פאר דער ביהנע פון מיר בעארבייטעט

1 אקט
1-טע סצענע

1 בילד שטעלט פאר א וויסטע: אסך גרויסע און קליינע בערג—רעכטס און לינקס ווערט מען וועגען. א סך יודען אלטע און יונגע שטעהן מיט פעקליך אויף דיא פלייצעס און שטעקינס אין דיא הענד. צווישען זייא שטעהט דער אלטער מנוח מיט זיין טאכטער שולמית—דיא אללע יודען. וואס געהן פון בית—לחם עולה רגל זיין קיין ירושלים. זינגען:)

אנגעלאדען מיט אלל-דעם גוט,
מיט דיא שטעקינס אין דער האנד,
שפאנגען מיר אין דער מינוט
צו אונזער הייליג לאנד! —
דער טראגט פראדוקטען, און דער רינד,
צו מקריב זיין פאר זיינע זינד,
אויך דער מיטלער גראד,
טראגט גאלד, זילבער און זייד.
א מתנה ברייננט יעדער זיין סחורה,
מיט פרייד אין הארצין פילל,
מיט ליעבע, מיט טרייע מיט מורא
זיך צו בוקען פאר גאטט'ס שטיל! —
אה ווי א ביסטו, אה ווי א ביסטו דוא הייליג ציון!
מיר ווינשען דיך, מיר בייגקען אללע דיך צו זעהען שוין —
באלד וועללען מיר הערען ליעדער
אין בית אלהים
פון אונזערע הייליגע ברידער
כהנים און לוים! —
קוממט זשע גיכער אין איינעם זיך בענטשען
אהין, אהין, יאה, יאה, קיין ירושלים!
פריילעך, פריילעך איהר ערליכע מענשען!

זינגט א שיר גאר א נייעם!
יא קינדער גיבר׳ גיבער, קינדער, גיבער׳
גיבער, קינדער, גיבער אין וועג אבאן! —

(אללע ווינשען זיך צו. ארויפגעהענדיג אויף דיא בערג און זינגען דעם מארש)

יברכך ד׳ וישמרך
ד׳ יצליח דרכך
ויביאך לציון בית עירך שלום!.

(אללע פערליערען זיך לינקס נאר מנוח בלייבט נאך אביסעל שטעהן און ווינקט זיך צו זיין טאכטער).

מנוח געזונד טאכטער, געזונד מיך באלייט! —
קער זיך אום אהיים, עס ווערט שוין שפעהט —
שולמית — גיין, ליעבער פאטער, דערצו קענסטו ניט נייטען
דיין פרייע טאכטער וואס ווינשט דיך צו באלייטען —
מנוח גיי צוריק, טאכטער, א מאטען דארף מען הערען,
דיא וויסטע איז ווילד — קענסט נאך פערבלאנזשעט ווערען —
שולמית גיי געזונד פאטער! (זיא נעהמט אים ארום און ער זיא,

זייא געזעגנען זיך — מנוח געהט אוועק)

---

2 בילד 2 סצענע

(שולמית שטעהענדיג אויף דעם בארג קוקט נאך דעם פאטער — זיא הייבט אויף דיא הענד און בענשט איהם פון ווייטען — זיא לאזט זיך אראפגעהן פון דעם בארג. און קוקט זיך אלץ נאך צו צייטען אום אין דער ווייט ווידען דער פאטער איז אוועק געגאנגען — זיא געהט ווייטער פארטראכט! — פליצלינג קוקט זיא זיך אום. און בעמערקט דיא זיא האט אראפגעבלאנזשעט פונ׳ם וועג — זיא פרובירט צוגעהן לינקס, קוקט זיך צו פון ווייטען און האפט זיך צוריק)

הא? — יאה! — דאכט מיר דארט דורך דעם בארג?
הא — ניין! — עס איז קיין וועג — מענשען געהן דארט קארג! —

(זיא געהט צו רעכטס, קוקט זיך אום און בלייבט פליצלינג שטעהן)

דיא וויסטע איז ווילד: נאר נאכד, און דיא הייסע זונן! —
איך זעה קיין וועג, איך ווייס ניט וויא איך בין — ...

זיא לאזט זיך ווידער צו געהן לינקס, און האפט זיך צוריק)
קיין בית־לחם איז נאך ווייט — ווייט גאר אן א שיעור
איך בלאנזשע יעצט? — גאטט! — וואס וועט זיין מיט מיר? —

(זיא פערשטעלט זיך מיט דער האנד דאס פנים פון דער זון)
גיין ליכטיגע זון, ווען דוא קענסט אויבען שטעהן
און מיר קיין וועג צו ווייזען, ווידין איך זאל געהען,
נעהם, וועניגסטענס, צו פון מיר דיינע ברענענדיגע שטראהלען!
בויער מיר ניט מיין קאפ מיט דיינע הייסע פיילען!

זיא ווערט מיד און נעדט צו שוואך צום שטיין וואס ליגט רעכטס)
איך בין מאט — איך בין שוואך, — עס ברענט מיר דיא ברוסט
דיא צונג טריקענט מיר — אך! — איך שטארב פאן דורסט

(זיא פאלט אויף דעם שטיין ענטקרעפטעט און זינגט שוואך)
איך בייט דיך דוא גרויסער שטארקער גאטט
וואס דוא האסט געהאלפען דיין פאלק אמאהל,
ווען ער האט אין דער וויסטע קיין טרינקען געהאט
האסטו איהם וואססער צוגעשיקט אן צאהל;
לאז זעהע דיין נס, דא, מיט מיר אויך געשעהן,
לאז מיך, פאר דארשט, דא, ניט שטארבען, דערגעהן,
אך, — עס איז דאך זעהער, זעהער א ביטטערער טויט;

געוויינען אמאהל האט דיא גרויסע שלאכט,
שמשון הגבור, גאר אן א שווערט;
שוואך, איז ער געווען, מיד און פארשמאכט —
האסטו איהם אויך וואססער גיך באשערט;
לאז זעהע דיין נס א. ז. וו.

דאס רחמנות האט הער נישט געקענט צו זעהן,
וויא פון דארשט קוועהלט זיך איהר פיצעלע קינד,
עס זאל טאקע פאר איהרע אויגען נישט דערגעהן,

וואַרפֿט זיא עס אַוועק , אונ — דערזעהט אַ קוואַל געשווינד ,
לאָז זשע דיין גם א. ז. וו.

(זיא פֿאַלט אהן כח אויף דעם שטיין — איינגע מאהל בעשטרעבט זיא זיך אויף צו הייבן ; אבער שוואַך פֿון דורשט , מיט דעם טויט קעמפֿענד פֿאַלט זיא יעדעס מאהל צוריק — ענדליך נעהמט זי צוזאַממען איהרע לעצטע קרעפֿטען אונ קוקט זיך ארום — דערזעהט זיא אַבֿרינען — זיא גלייבט זיך אַלץ נאָך ניט דיא אויגען , זיא זינגט ערשטאַונט איבעררֲאשט)

אַך וואָס זעה איך דאָרט, איך גלייב מיר ניט דיא אויגען,
צו איז דאָס אַ טרוים ? — אַ ברוננען זעה איך, פֿאָרט, —
ניין דאָס איז קיין טרוים, ער איז אַוועק געפֿלויגען,
אַ ברוננען, יאָה, מיט וואַססער, זעה איך דאָרט ; —

(זיא הייבט זיך אויף פֿון איהר פּלאַטץ לאַנגזאַם , געהט צו צום ברוננען טאַפּט איהם אָן מיט דיא הענד, אונ אַז זיא איבערציינט זיך, זינגט זיא נאַכאַמאהל דאָס זעלבע נאָר מונטערער — זיא ביינט זיך אָן צום ברוננען , ציהט ארויס אַ שטריק אונ דער שרעקט זיך , ווייל זיא געפֿינט קיין עמער דאָרט)

הא ! וואָס זעה איך ? — קיין עמער ? נאָר אַבֿלויזער שטריק !
אָה אַ שיינעס שפּאַס שפּיעלט מיט מיר דאָ דאָס גליק !

(זיא קוקט אריין אין ברוננען)

וואָס ? — דער לויטערער קוואַל שפּיגעלט זיך , רייצט זיך מיט מיר ?
„קענסט מיך ניט בעקוממען“ — רוישט ער — „איך בין ווייט פֿון דיר“ ,
ניין ! — מיין ליעבער גאָטט האָט מיך ניט אָפּגענאַרט ,
ער וויל איך זאָל טרינקען אויף אַזאַנדערבאַרער אַרט . . .
אַנם איז דאָס ! — מיט נסים זאָל עס געהן !
איך לאָז מיך אַראָפּ — אונ וואָס געשעהן , זאָל געשעהן ! . —

(זיא בינד זיך ארום מיט דעם שטריק אונ לאָזט זיך לאַנגזאַם אראָפּ אין ברוננען)

---

3 בילד 3 סצענע

(רעכטס צווישען דיא טיעפֿע בערג הערט מען זינגען יעמאַנדען אין אראבישען מאַטיוו — דיא שטיממע קוממט אַללע מאהל נעהענטער , ביז עס ערשיינט אבישלום מיליטעריש געקלייט — נאָך איהם געהט זיין ווילדער קנעכט ציננגיטאַנג , טראָגט אַ פּעקיל אין דער האַנד מיט ראָזינקעס אונ מאַנדלען , אונ אויף דיא פּלייצים אַשלויך פֿון

וואַססער — זייא געהן אראָפּ פֿון דעם בארג , אבישלום זעצט זיך אויף דעם שטיין

אבשלום נאָ ציננגיטאַנג ! — זעהסט וויא איך ווייס גוט ! —
אין דער געגענד בין איך שטאַרק געניט ,
איך האָב געוווּסט, דאָ דאַרף זיין אַ ברוננען ,
גיך , צובינד דאָס פּעקיל , וואָס איז דאָ דרינען ? —

ציננגיטאַנג אָה אָה , ראָזינג , אָה , אָה , מאַנדיל אָה אָה ,

אבשלום נאָ אונ קיין פֿייגען איז נישטאָ אָה אָה ?

ציננגיטאַנג נע — אָה אָה ,

אבשלום נאָ געה זשע גיך , דוא ווילדע זאַך ,
געה , דאָרט מיט דעם בערגיל גלייך ,
וועסטו , זעהן אַזאַך , ביימער מיט גרויסע צווייגען ,
פֿליק מיר אָפּ פֿון דאָרט אַפּאָר פֿרישע פֿייגען —

ציננגיטאַנג איך — בוים געה — גרויס, צווייג ?
פֿליק , פֿריש , עס דיר פֿייג ?

אבשלום נאָ געה גיך — יאָה ,

ציננגיטאַנג גיך געה , אָה אָה (ער שפּרינגט אַוועק—)

---

4 סצענע

אבשלום בין איך רוה מיך ניט אויס געה איך ניט פֿון דאַנען ,
קיין ירושלים איז נאָך ווייט צו שפּאַנען ,
וואַסער איז דאָ ס'איז זעהער רעכט
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען — ס'איז אויך ניט שלעכט

(ער צובינדט דאָס פּעקיל)

ראָזינקעס מיט מאַנדלען — עס ערינערט מיך אַן
דעם ליעדעלע
מיט וואָס בת-ציון האָט פֿערוויעגט איהר בן יחיד יודעלע — *)

---

*) האָטש דאָס ליעד איז נישט דאָ דאָס פּלאַטץ דערפֿון — נאָר איך האָב עס דער פֿאַר אהער אריינגעשטעלט ווייל דעם פּובליקום איז דאָס זעהער ליעב , אונ בעקאַנט

1.

אין דעם בית המקדש, אין א ווינקעל חדר,
זיצט די אלמנה בת-ציון אליין,
איהר בן יחידל. יודעלען, וויגט זיא כסדר,
און זינגט איהם צום שלאפין א ליעדעל שיין: אללא!
„אונטער יודעלעס וויעגעלע
„שטעהט א קלארווייס ציעגעלע,
„דאס ציעגעלע איז געפאהרען האנדלען.
„—דאס וועט זיין דיין בערוף;—
„ראזשענקיס מיט מאנדלען,
„שלאף זשע, יודעלע, שלאף!—

2.

אין דעם ליעדעל מיין קינד, ליגט פיעל נביאות:
אז דוא וועסט אמאהל זיין צו זעהט אויף דער וועלט,
זיין סוחר וועסטו זיין פון אללע תבואות,
און וועסט אין דעם אויך פערדיענען פיעל געלד- אללא!
און אז דוא וועסט ווערין רייך יודעלע
זאלסט זיך דערמאנען אין דעם ליעדעלע:
ראזשענקיס מיט מאנדלען!
—דאס וועט זיין דיין בערוף —
יודעלע וועט אלץ האנדלען!
שלאף זשע יודעלע שלאף!

3.

עס וועט קוממען א צייט פון ווערטפאפירען!
קאנטארען וועלען זיין אין דער גאנצער וועלט
דער גרעכטער וועסטו זיין פון די באנקירען
און וועסט אין דעם אויך פערדינען פיעל געלט— אללא!
און אז דוא וועסט ווערין רייך א. ז. ו.

4.

עס וועט קוממען א צייט פון אייזענבאהנען!
זיא וועלין פארפלייצען א האלבע וועלט:
אייזערנע וועגען וועסטו אויסשפאנען
און וועסט אין דעם אויך פערדיענען פיעל געלט
און אז דוא וועסט . . . א. ז. וו.

(ער זינגט אפ — לייגט אוועק דאס פעקיל און דעם שלויך אין דער האנד)

שוין! — אביסעל געגעסין — אפילו ניט אזוי זאטט,
פערטרינקען מיט וואססער וואלט אויך ניט געשאט —

(ער הייבט זיך אויף צו-געהן צום ברוננען — און וויא ער בייגט זיך אן אנצונעהמען וואססער — דערהערט ער א געשרייא פון דעם ברוננען פאר שרעק לאזט ער ארויס דעם שלויך פון דער האנד און שפרינגט צוריק פון דעם ברוננען — זינגט)

הא, וואס הער איך?
א קול פון א רוח! —

שולמית. (פונם ברוננען) ווער איז דארט? איך וועל אייך בענשען,
ראטעוועט ארויס א מענשען!
האט רחמנות און נעהמט מיך ארויס,
האט רחמנות און נעהמט מיך ארויס! —

אבשלום. (אלץ דערשראקין — טרעט צוריק) ווער ווייסט וואס דארט
ליגט פאר א לץ? —
רופט מיך צו פאר-נארען אין זיין נעטץ! —

שולמית. (פון ברוננען) ניין, האלט מיך ניט פאר קיין לץ — איך
בין א מענטש גלייב זשע מיר!
געבוירען פון פלייש און בלוט בין איך אזוי גלייך מיט דיר-

אבשלום. נא גיב מיר א סימן, און רוף מיר אין דעם
נאמען „גאטט!"

שולמית. — אט האסטו א סימן איך רוף דיר אין דעם נאמען
„גאטט!"

אבשלום. — שווער מיר!

שולמית. איך שווער דיר ביי גאטט,

אבשלום. שווער מיר! —

שולמית. איך שווער דיר ביי גאטט, ביי גאטט!

אבשלום. [אביסעל בערוהיגט געהט צו צום ברוננ׳ן קוקט אריין אין איהם אונ דער זעהט שולמית ער פערווינדערט זיך אונ זינגט צופריעדען]

אך, ס׳איז א מענש? — נאך א מיידכען דערצו!
יונג וויא דער פריהלינג — וויא א שטערן שיינט זיא!
אוודאי איז איין עבירה אזוינס לאזען אומקוממען
שרעק דיך ניט, קרענק דיך ניט, ביסט שוין ניט טויט
יעצט טהוט מיר שוין הנאה מיט מיין אהערקוממען
איך זאלל דיר יעצט קעגען שטעהן אין דער נויט.

5-טע סצענע

(ער שלעפט זיא ארויס ביים שטריק פון דעם ברוננען — זיא איז בלאסס — זיא טוהט איין קוק אויף איהם, דער נאך ווענדעט זיא דיא אויגען צום הימעל פאלט אויף דיא קניע אונ דאנקט גאטט — אין דער צייט שטעהט אבשלום, קוקט זיך צו צו-איהר אונ בעווינדערט איהר שעהנהייט זינגט אויך) דועט —

שולמית

איך דאנק דיר גאטט נאר אהן
א צאהל,
וואס דוא האסט דיין נס מיר
בעוויזען צוויא מאהל:
דאס ערשטע מאהל פון דעם דארשט
שיעור דערשטיקט,
האסטו מיר דעם קוואל וואססער
צוגעשיקט;
נאר באלד האט ער מיך געוואלט
איינשלינגען וויא א ליב —
איין קוק פון דיר — — איך לעב!

אבשלום

— — — — — — — —
— — — — — — — —
אך, גאטט, וואס זעה איך? —
וואס פאר א ברילליאנט?
זיא בלענדעט מיך נאר, וויא
א דיאמאנט? —
וואס פאר א צויבער אומשוועבט
מיך אצינד!
אין דער ווילדער וויסטע — אזא
רייצענד קינד; —

(ער געהט צו צו-איהר, לאנגזאם אונ הייבט זיא אויף — זיא בלייבט שטעהן איינע מינוטין אונ באטראכט אבשלום ענדליך זאגט זיא צו-איהם)

דאס ביסטו עס, גאטס מלאך, אין געשטאלט פון א מענשען?
דאס ביסטו זיין שליח? גאט זאל דיך בענטשען!
דיך, האט ער צוגעשיקט מיר שטעהן אין מיין נויט,
ווען איך האב מיך געראנגעלט מיט דעם שרעקליכען טויט;
געהם זשע פון מיר דאס קליינע געשאנק:
פון מיין טיעפסטען הארצען דעם בעסטען דאנק —

אבשלום. ניששט מיר קוממט דער דאנק — דעם דאנק פערדינט דער,
וואס מיט זיין שליחות האט ער מיך געשיקט אהער!...
דאס האט שוין דיין חכמה ארויסגעזעהן גלייך
אונ האסט איהם באלד אויף דיא קניע געגעבען דיין שבח —
איך — האב נאר ערפילט דעם חוב פון א מענשענס זוהן,
וואס יעדער מענש אין אזא פאלל. דארף אזוי צו טהון:
איך האב גערעטעט א מענשען פון איין נויט! — אונ דערפאר
האב איך ניששט געהאפט אונ ווינש ניט קיין שכר —
נאר דעם שכר פאר דער מצוה איז געקוממען פון זיך אליין,
ווייל אנשטאט א געוועהנליכען מענשען — וואס האב איך דערזעהן
וואס האב איך געפונען אונפערהאפט. אונבעקאנט:
אשטיק גאלד אין דער וויסטע — אין נאמד אברילליאנט! —
זאג, שיינעס קינד, וועלכער צופאלל. אדער ווער,
האט דיך געבראכט אין דער ווילדער געגענד אהער! —

שולמית. מיט אללע יודען פון בית לחם וואס זענען געגאנגען.
אין אונזער שטאט ציון דעם יום טוב עמפפאנגען
איז געוועזען צווישען זייא אויך מיין פאטער מנוח,
איהם צו באלייטען בין איך נאכגעגאנגען אויך;
איך האב מיך געזעגענט, אונ וויל אהיים געהן צוריק —
נאר — ניין! — צוגעבינדען האט מיך פון ווייטען דערבליק.
ווא דיא אללע עולה רגל שפאנען פריילייך אין זיינעם

ווי אלע זענען בעגייסטערט פון דעם געדאנק דעם ריינעם
און, אט באלד וועלען זיי דערזעהן נאכאמאל הייליגע מלוכה,
דאס שיינע ציון וואס ער האט אויסגעוועהלט צו זיין מנוחה...
באלד ווערט זיי אין די אויגען ווי שטראהלען בלימצען
פון בית־המקדש, הויכע טורעמס, גאלדענע שפּיצען,
באלד וועלען זיי קניען אין טעמפּעלס הויכע האללען,
פון דיקפערגאלדעטע ווענט, און מארמארנע זאללען,
באלד וועללען זיי זעהן די כהנים ביים מזבח
באלד וועלען זיי שמעקן פון די בשמים פרישען ריח,
באלד וועללען זיי הערען די לוים שיין געזאנג,
פון שופרות, פויקען, און הארפען זיסער קלאנג! —
אה, יעקב ווי שיין איז דיין געצעלט, דיין וואהנונג ישראל!
אה, ווען איך זאלל זוכה זיין דאס ווידער זעהן אמאהל! —

אבשלום — דיין וואונש קען זיין ערפילט — די נאך איז ניט
אזוי גרויס! —

שולמית. שלאג מיר נישט איבער — הער ווייטער מיך נאר אוס:
בעהוישט פון דער זיסער אידעע. פון דעם הייליגען געפיהל.
האב איך פארגעסען ווי איך געה — פארלוירען — מיין ציעל
און האב אראפגעבלאנזשעט פון וועג — איך קוק מיך ארום,
איך שטעה אין א וויסטע — נאר זאמד אימעטום,
פון אויבען ברענט די זון, דער דארשט — פון אינווענדיג.
קיין טראפּען וואסער, האטש מיט דעם לעבען ענדיג.
פּלוצלינג — דערזעה איך א ברונען — נאר קיין עמער איז ניטא
איך לאז מיך אראפּ אויף גאטס באראט אין אגוטער שעה.
דער קוואל האט מיך דערקוויקט און האב ניט געהאט אין זינען
ווי איך וועל ארויס! — אהא האסטו מיך געפונען! —

אבשלום. יא געפונען האב איך דיך און דוא האסט מיך געוואונען —.
נאך מעהר וואס איך האב געהאפט האב איך אין דיר געפונען
נישט ווערטער שיט דיין מויל נאר שיינע פּערל, אויס
פון דיינע ליכטיגע אויגען שיינט חכמה פיעל ארויס,
און אויף דיין גאלדענעם שטערן שטעהט דייטליך טיעף גראווירט
דיינע ריינע אונשולד, מיט מעלות פיעל פונקטירט!...
און אז איך האב דיך געפונען מן הסתם האב איך די ווערטה
יא, יא, דוא שעהנעס קינד, נאר מיר ביסטו באשערט! —
שולמית. דיין נאהמען וויל איך וויסען — אויך פון דיין משפּחה!
אבשלום. מיין נאמען איז אבשלום אין מיין הויז ליגט די ברכה,
מיין משפּחה איז אין ירושלים בעקאנט און גרויס זעהער:
מיינע קרובים כהנים — איך שטאמם פון די מכבייער!
עס פעהלט מיר ניט פון גוטס — איך האב גענוג זייער פיעל!
נאר דער כוס פון מיין גליק איז אבער נאך ניט פילל!...
אה, שיט אריין אין איהם דיין ליעב זיס ווארט געשווינד
וועט דער בעכער פיל שוין זיין, און וועל טרינקען צוגעזונד!
אהן אייך געמיז האסטו מיין הארץ געפאנגען יעצט צו דיר,
איך רעכן אז דוא אויך האסט זיך ניט אפגענארט אין מיר. —
שולמית. שוין דער איינציגער שריט, וואס האט מיך גערעטעט
אין לעבען,
האט דיר פיעל רעכט אויף מיין דאנקבאר הארץ געגעבען! —
מיט פיעל פייער, איינגענטליך דארף מען יעצט אויסנוצען
אט די וואהרע דאנקבארקייט אין ליעבע צו ערהיטצען...
נאר — וואגען דארף ניט א מיידעל פון מיטלען שטאנד,
זיך אנצומעסטען ווי די גרויסע פון אונזער לאנד!...
דען — אין בית־לחם'ס שטיללער געגענד, שיין אפּצומאהלען,
אויף די הויכע בערג, און די פרישע גרינע טאהלען,
דארט פאסעט שטענדיג, שולמית, מנוח'ס איינציג קינד.

איהר פאטערס משערעדע, פיה, שאאף אונ רינד!...
[illegible]ים, ווייט פון דער שטאט, פון איהר בעש אונ גערידער,
נאר דעם שטילען וועלדיל טרויע איך מיינע תפילות אונ ליעדער....
אויסער ליעבע צו מיין גאטט — צו מיין פאטערס תורות פילע
האט נאך גיע מיין הארץ געקלאפט פון היילינע געפיהלע...
ביז דוא ביסט אויסגיוואקסען פלוצלונג אומגערעכט.
אונ האסט מיין הארץ געקויפט, געוואונען יא מיט רעכט —.

אבשלום. יאה, געוואנען אויף איביג, האסט ניט וואס צו היידין
סיידין דער טויט וועט מיך פון דיר צו שיידען! —

שולמית. ניין שיידען מוזען מיר יעצט, (פון דעם איז נאר קיין ריידע
נאר ביז אין א צייט — ניט אויף לאנג צו שיידין מיר זיך ביידע!
איך קער מיך אום צו מיינע שאף, וויא א געטרייער וועכטער,
אונ דיך ווארטען אפשר שוין לאנג ירושלים'ס רייכע טעכטער
אונ דיא גרינע גערטנער, צו ליעב יום טוב, מיט זייא זיך אמוזירען!...
זייא האבין שוין כלים מיט וואס א יונג צו אינטערעסירען!
צו דעם שטודירטין חן. געמאכטער פארב אונ שמייכעל,
פארפוצט מיט טהייערן שמוק — האבען זייא גענוג שוין שכל! —
נא? וואס וועט זיך דעמאלט אנזעהן ביא דיר, נאך אין זכרון!
איין איינפאך הירטענמיידעל, אהן דיא אללע פאליטורען? —
וואס וועט דיך אארען דארט — אז דוא וועסט זיין דיר גליקליך.
אז דוא האסט איין ארעם הארץ — צוברעכין דא אויף שטיקליך?
פאר וועהמען וועל איך מיך קלאגען? — ווער וועט מיך דא הערין? —
ווער וועט דיך דארט משפטן אז איך וועל דא אומגליקליך ווערן?
אה, דער געדאנק איז שרעקליך, שרעקליכער פון טויט! —
לאז מיך בעסער בלייבין ביא דער דאנקבארקייט פאר דער נויט,
אה שלעפ מיך ניט ארויף אזוי הויך, אז מיט א מאהל
זאל איך דארפען אראפפאללען אין אזא טיעפען טהאל...

אונ דער שנעללער מאמענט וואס דיך האט אזוי איבערעשט פון מיר
וועט אזוי גיך אוועק — וויא גיך ער איז געווארין אין דיר! —

אבשלום וואס טוינ דיר קינד, זיך אונ מיר, אזוי אנצומאכען שמערצען —
ווארף אוועק דיין איינגעבילדעטען ספק פון דיין הערצען! —
ווייל איך קען צופיעל גוט דיא וועלטליכע טעכטער.
דערפאר איז מיינע מיינונג פון זייא נאך פיעל שלעכטער —
שטענדיג האב איך געטרוימט (יא ערשט איצט דיר דערציילן) —
צו געפינען אזא שולמית וויא אונזער שלמה המלך!...
וויפיל פרויען, קעניגען, ער האט איבערגעזעהן איבעראל,
וועלכע איז גיוועזען דיא קרוין פון זיין אידעאל?
ווער האט איהם בעגייסטערט מעהר אין וואך אונ אין שלאף,
ניכט וויא דיא איינפאכע שולמית וואס האט געפאסעט שאף?
ער האט געוואוסט אז אזוינע קען זיין פיעל געטרייער,
אז אזא "אשת חיל" איז פון פעריל פיעל טהייער! —
אה, שולמית, אים נאמען פון דעם וואס האט מיך געשיקט אהער
דיך צורעכטען דיין לעבין איך שווער, יאה איך שווער!
אז נאר דיר, מיין טהייערע, בלייב איך אויף איביג טריי,
זאג עס ארויס דאס זיסע ווארט — זאג עס ארויס גאנץ פריי!
איך ווייס, דיינע אונשולד שעהמט זיך ארויס צו ריידין וואס זיא וויל..
איך הער שוין, וויא דיינע געפיהלע ריידין דיך צו, אללע:
"— נעהם ארום דיין טרייען חתן, דוא גליקליכע כלה!!"

(ער נעהמט זיא ארום. זיא פאלט איהם אויף דעם האלז אונ גערירט פון דיא רייד
[illegible]יינדיג זאגט זיא ארויס — אבשלום. — אונ ער אויך — שולמית [illegible]
הייבט אויף נאך איינער פויזע דעם קאפ קוקט זיך אום אונ זינגט)

יא וויא נעהמט מען דיא עדות,
זאללין שטעהן ביא ריידעס,
אונזער שבועה הערין.
זיא זאל ניט געבראכין ווערין?

(פון דעם פאלאטס ווי ווא קוקען זיך ביידע ארים — שפּרינגט ארויס א ווילדע קאץ אויף א בערגיל און בלייבט שטעהן גלייך ווי דא הערט)

אבשלום (ווייזט מיט דער האנד) אָה דער ברונען, אָה דער!

אונ די קאטצע אָה די, אָה

וואלען זיין, ווי איך שווער,

עדות צו אונזער שבועה:

אז איינער פון אונז וועט ברעכין דאס ווארט,

זיא אליין וואלען דארט

פערלאנגען אויף דעם אָרט,

ראכע, ראכע, אין איינעם פארט! —

שולמית (ווידערהאלט דאס זעלבע דערנאך זינגען זיא צוזאמען — דועט)

דאס וועט אָבער קיינמאהל ביי אונז נים געשעהן,

ווייל צונאויפגעפיהרט אונז ביידע האט גאט אליין!

גאט אליין הייסט עס,

דאס הארץ אליין ווייסט עס,

די ליעבע אליין טרייסט עס:

מיר בלייבען געטריי, אייביג געטריי אייביג געטריי!

מיר בלייבען אויף אייביג דער שבועה געטריי! —

6-טע סצענע

(ביידע אומארמען זיך ביידע — אין דער צייט לויפט ארויין ציגניטאנג, ווען זיא זעהט ביידע אומארמען זיך, הויבט זי אן צו לאכען)

ציגניטאנג אָה, אָה, איך — געה — זיך פיינ, ניט געפינט דוא נישט געה זיך מיידיל — דוא יאָה, געפינט אָה אָה!

שולמית. ווער איז דער?

אבשלום: — מיין פריילכער קנעכט

ער איז געניט אין דוא וועגען נים שלעכט! —

ציגניטאנג ווי? — דוא נעהם מיידיל? — מיר אויך ניב איך אויך אוינם, אזעלכעס ליעב! —

(ער זוכט צווישען די בעת, ער זוכט אין ברונען, לאזט זיך ארא)

אבשלום (צו שולמית) מיין קנעכט וועט דיך באלייטען ווייזען דעם וועג צו דיר

ווייל איך מוז קיין ירושלים — מען ווארט דארט אויף מיר

עס איז ערב סכות מיר האבין פיעל צו טהון-

דוא ווייסט דאך ווי אין אזא צייט בעשט זיך אין ציון! —

אונ באלד נאך סכות פריה, נאך איידער דער שטאט בית-לחם

וועט די זון דעם ערשטען בריה טהון מיט איהר גליהענדיג פייער

וועט דיין טאטע דערפיהלין מיין "שלום עליכם"

אונ דוא — מיין הייסע קוש — אלס חתן געטרייער! —

ציגניטאנג (שפּרינגט ארויס פונ'ם ברונען וויינענדיג)

טא! נאך מיידעל, טא! אהף! אללא אללא' (ער ברעכט די הענד)

אבשלום אין דער היים דארט — גיבען — כלה!

קום אהער ציגניטאנג! דער וויל פיהר זיא אפ אהיים!

דוא ווייסט דעם וועג קיין ביתלעהיים?

(ציגניטאנג ווידערהאלט יעדעם לעצטע ווארט)

פון דעם בארג — לאז דיך אראפ אין טהאל,

באלד לינקס, וועסטו דערהערין אן צאהל

דאס רישען פון קאמעהלען, איזעלן, פערד,

נים וייט פאסען שאף, פאסטעכער אויף גרינער ערד.

ביז אהין פידר דאס מיידעל — גאה שנעלל מיט איהר!
אונ באלד וואלסטו קומען אהיים צו מיר! —

[ציני]טאנג איך — אייזעל — בארג פאסטעך — גאה מיט איהר?
ריטשעס, פערד. מיידעל אהיים צו דיר? —

אבשלום. (צו שולמית) אויפ'ס ווידער זעהן מיין מהייערע. מיין ליעבסטע
מיין שיינער ברילליאנט, געפונען אין דער וויסטע! —

שולמית אויפ'ס ווידער זעהן מיין ליבער, מיין רעטער, מיין לעבן
אבשלום? — פארגעס נים דיא שבועה וואס דוא האסט גיגעבן!! —

(דיא זייא האלטען זיך בייא דיא הענד קוקט צינגיטאנג מיט נייד אויף אבשלום)

מיר, אויך, אזוינס, אזוינס, א געלעכעס?

אבשלום. — — — א וועלכעס?

צינגיטאנג — א וועלכעס — אזוינס — אה, אה, ליעב, ליעבין! —

אבשלום קוממען אהיים, דארט אויך ניבען! —

צינגיטאנג (טאנצט פאר פריד — אין דער צייט זענען זייא דערווייל ארויפגעגאנגען אויף דעם בארג אבשלום שטעהט לינקס — שולמית רעכטס. צינגיטאנג אין דערמיט — ער קוקט זייא אן פערווינדערט ווי זייא זינגען — זייא פערהאלטען דיא שבועה — יעדער איין זאטץ — פון דער וויטענס טיף אין דער סצענע ציהשען דיא בערג ועדט מען וויא פאסטיכער קערין זיך אום מיט זייער טשערעדע אהיים זינגען אונ שפילען אויף דיא פייפערלעך, אונ צום שלום גיהט שולמית אין בעגלייטונג פון צינגיטאנג רעכטס — אונ אבשלום לינקס אויף דעם בארג אוועק — מאנדליכט).

(פארהאנג פאלט שטיל)

צווייטער אקט (אין צווייא תרשים שפעטער)

2 סצענע

בילד (דיא בידנע העלל בעלייכטעט, שטעלט פאר אווינגארטען אונטער דער שטאדט ירושלים — אין דערמיט פון דער בידנע אונטער פאלמענבייטער א רייך פלאטץ בעדעקט מיט קאווארען מיט טרעפ ארויפצוגעהן, שטעהן צוויי

אלטע אטערשע שטוהלען — רעכטס פון דער בידנע שטעהן פיעל יונגעליים צווישען זייא אבשלום מיט זיין פריינד חנניה — געגען זייא שטעהן פיעל מיידלעך, טהייל מיט פיקלעך אין דיא הענד, טהייל מיט טעצלעך, טהייל מיט גאושליער אונ בלומען אין דערמיט, מיט אקרון פון פעריל אויף דעם קאפ שטעהט א בינ יל — אללע מיידלעך טאנצען — צינגיטאנג אונטערהאלט זיך מיט אללע מיידלעך מאכט קאמישע גרימאסען — אללע לאכען אונ ווען אללע טאנצען אפ, לויפען ארויס צווייא מיידלעך פון כאהו, שטעללען זיך נים ווייט פון דיא בחורים אונ זינגען)

לויף צו מיר דוא פיינער זכר!
האפ מיך אוים דוא שיינער בחור!
קוק ווישע, קוק אהער . . .
ווייסט ווער איך בין, ווער?
דיא רייכסטע אין דער גאנצער שטאט! —
מיין טאטע גיט דיר שאף אונ רינדער.
אונ ווייניגערטנער גאר א ווינדער,
אונ רענדעלעך אסך,
ווערין ווערסטו רייך.
דער רייכסטער אין דער גאנצער שטאט
נא זאג וישע "יאה,"! — נא זאג וישע — יאה, — יאה!...

(זייא דרעהען זיך אונ לויפען אוועק)

אבשלום חנניה! — וועלכע פון זייא איז דיא שענסטע

חנניה (איראניש) — — נים אי איינע!

אבשלום (קוקט איהם פריפענד אן) אויף וועלכען פונקט ציעלט יעצט דיין אויג?

חנניה (בייז) טאמער דארפסטו נים וויסען וואס מיר טויג! —

(אנדערע צוויי מיידלעך לויפען צו פון קאהן צו דיא בחורים אונ זינגען)

געלד איז ראנד, מען קען עס אנווערין!...
דאס קען נים באנגביט ווערין —.
קוק וישע, קוק אהער!
ווייסט ווער איך בין — ווער?

— די מחותנת אין דער גאנצער שטאט ! —
פון באבע און פון א שיינער משפחה.
פון זיידע אויך — — זכרונו לברכה.
דא װעסט איבער אן,
גאנצע שעהן אין קאהן,
בכבוד אין דער גאנצער שטאט
נא װאו װשע — „יאה" — נא װאו װשע — „יאה" —

([illegible])

אבשלום. ביסט אלץ פארטראכט תניה ? װאסטו ניט מיר ! —
איך װעל טרעפען, װילסטו ? איך װעס מיט דיר ! —

תניה. (שטראגט) שלאג מיר ניט איבער, לאז מיך צורוה ! —
אויב דוא האסט אויגען קוק זיך גוט צו ! — ...

אבשלום. װער איז דיא ? תניה, קענסט מיר ניט ערקלערן ?
װאס טראגט א קרוין מיט פעריל אויף איהר שטערן ! —

תניה. אביגיל מיינסטו ? האסטו ניט דערקענט ! —
דעם פערלס קאמער, דער פעריל פון דעם אריענט ! —

אבשלום. (שטום אשטייגנד) אביגיל ? — — יעצט פערשטעה איך דיין שמערץ !

תניה. (ביים שפיל) — איך האב זיא פריהער דערזעהן ! ...

([illegible])

װאס טויג דער זעלע פון עולם הבא !
לעבען, לעבען װען ניט מיט קיין באבע ! ..
קוק װשע, קוק אהער !
װייסט װער איך בין ? — װער ?
די קלענסטע פראכטיגע פון דער שטאט ! —
קלוג און פרום דאס איז א קרוין ! —
צדיקים קען פארהאלטען װערען ...

דאך מיט קלוג און פרום,
װעט דיך אומעטום,
מקנא זיין די גאנצע שטאט !
נא װאו װשע — „יאה, נא װאו װשע — „יאה" (דיא לויפען אװעק)

אבשלום װאס פארטראכטסטו תניה, װאס לויפסטו ניט טאנצען ?

תניה עס איז נישט דיין עסק איך װעל זיא שוין דערטאנצען ! —

אביגיל. (זינגט — שטעלט זיך ארויף אויף דעם עסטראדע)
הערט מיך אויס מיינע ליעבע שװעסטער, יודישע קינדער !
צו לויפען איז נישט גוט א מזאל יעדע באזונדער —
איך האב אויס געקלערט א בעסערן פלאן,
אלע און איינעם, און איינעם אללען מיר זיין,
מיר װעלען זיך געהמען שטעללען אין דער רייהע אללע,
װער, װעלכע, װעט טאנצען — װעט זיין דעם'ס כלה ! —
באשטעהט איהר אזוי ?

אללע — — — מיר באשטעהן ! (אללע שטעללען זיך אוים אין דער רייהע, אביגיל אין דער שפיטצע יונגעריג ... זיא צו דיא בחורים און ריקען זיך קלאפערשט װייטער)

קום װשע, קום װשע, בחור פיינער,
טאפ מיך גיכער אויס !
קום װשע, קום צו דער כלה ביינער,
נעהם מיך גיכער ארויס ! —

בחורים — לויפט װשע נאך אהער !

בתולות — האלט איך דעם פלאן דעם װאילען ! —

בחורים — נעהענטער, נעהענטער ! —

בתולות — גיין! ראס וועט איהר ניט פעלין . .

בחורים — א! מיר וועלין זיך צו לויפין! —

(זייא מאכען אשרים פארזעטס)

בתולות — הא! — — ס'איז איין אנדער אופן! —

בחורים — מיר וועללין אייך שוין געפונען! —

בתולות — נא! — האט איהר געוויננען! — חי! חי! חי! חי!

(בחורים אויך: חי! חי! חי!) דאס זעלבע ווידערהאלט מען דרייא מאהל בין אללע מידליך צו לויפען זיך אין א ראהד — . אין דער צייט ראהמט אבשלום זיין אין איטר ציגנימאנגען אז אין פאלל אז ער וועט דערזעהן אז חנניה וועט וועלען האפען אביגילין זאלל ער אונטר שפרינגען און נישט דערלאזען — און ווייא חנניה איז צו געלאפען האפען אביגילין לויפט אים אונטער דער ווילדער און פאלט אידם אריין אין דיא הענט ווערענד אבשלום האט בענוצט דיא געלעגענהייט און האט ארומגיחאפט אביגילין, אללע לאכען — אללע מידלעך טראגן אן א קראנץ מיט בלוממען מיט א געז־שלייער אויף דעם קאפ פון אביגיל)

אבשלום . (צום ווילדען) שפרינג אהיים צו מיינע פריינד גיך והרא אקרהות

נאג זייא אז איך האב דא באקומען א כלה,
זייא זאללין פרידער אהער קומען גיבען דיא ברכות,
דערנאך אונז פיהרען אין טעמפעל אין היליגען ארם אללע! —

ציגניטאנג איך, געה, זאג, דוא באקומסט קרחות?
פיהרין, אונז, כלה, אויף היליג ארט? —

חנניה (כייו) גאטט זאלל דיר באצאהלען פאר דיין צו להכעים! (אב)

איינער . איך געה, — ווער ווייסט וואס דער ווילדער וועט פלוידערן דארט! (אב)

ציגניטאנג מיר אויך כלה, מיר אויך אזוינס אנולעס! אה,

אבשלום אין דער היים, דארט, — יאה! . (וונגט צו אביגילן)

דוא ביסט מיין כלה, איך האב דיך גיחאפט,
יאה דוא שיינע, איך האב דיך דערטאפט!

אצונד מעג איך זיין טאקע פריילעך.
א כלה נאר ווי אבת־מלך.
דיא האב איך אליין! —
וואס האב איך פון פוסטע מעלות,
וואס אין איהר ליגט דארט אליין
פאר שיינקייט גיב איך אללעס,
דאס דארף איך פאר מיר אליין,
האט מיר גאטט באשערט אי שיין אי רייך — קלוג במילא
אזא יאהר אויף מיר — זינגט זשע אללע אמן סלה!

אללע זינגען מאכען מיט דעם קערפער אריענטאלישע פיגורען און זינגען סלה

אביגיל דוא ביסט מיין חתן, דוא האסט מיך גיחאפט! —
נא דוא מיוחס, דוא האסט מיך דערטאפט —
באדארפט אחתן האט דיא כלה,
זיא האט נישט געקוקט אויף קיין מעלה;
דיא האב איך אליין —.
נישט געקוקט אויף שאף און רינדער
זייא האבין מיר אליין
שיין — איז בייא מיר קיין וואונדער,
שיין בין איך אליין! —

(אללע ווידערהאלען)

ציגניטאנג יאה, האב, חתן, זיך, באטאפט,
יאה, האב, רוחות, מיך געחאפט,
האב, שוין, אללע, איך, א מעלה,

נישט קוק חתן, נישט, קוק כלה,
כלה, איך בין אליין,
נישט קוק, נים שאף, נים רינדער,
שאף איך בין אליין!
נים שיין, נים מיר, נים ווינדער,
שיין איך בין אליין —
אט,אט אה באשערט — א שיין, א קלוג — ריין ממילא
אזא מיר אזאהר — זיינט זשע — איילע אמאליילא! —

(ער טאנצט און ברעכט פיגורען מיט פיקלער אין זיינע הענד)

איינער. אט קומט דער כהן מיט דיא פריינד אללע,
דיא ברכה געבין דער חתן — כלה! —

---

5 בילד 2 סצענע

(מוזיק שפּיעלט א מארש, דיא בחורים געהן ארויס עטפּפאנגען דעם כהן מיט דיא פריינד — איינגע בחורים פֿירען ארויף דעם חתן אויף דער עסטראדע און זעטצען איהם ארויף אויף א שטוהל — אללע מיידלעך טהון דאס זעלבע מיט דער כלה — דער כהן שטעלט זיך אונטער וויא געבעך בים לייגט ארויף דיא הענד אויף זייערע קעפּ און בענטשט)

דאס פּאר מוז קומען פֿאַרציירט
וואס דער זיווג האט צוזאמענגעפֿירט
מזל טוב! גאט זאל זיין ברכה
שיקען אויף דעם נייעם פּאהר!
און ער זאל זייערע משפּחה
ערהאלטען מיט לאנגע יאהר! —

(אללע ווידערהאלען דיא ברכה — מוזיק שפּיעלט א טאנץ — דיא בחורים מיט דיא בתולות טאנצען צוזאמען א טאנץ, אונטער דער בעלייכטונג פֿון פֿערשידען פֿייער)

(פֿאָרהאנג פֿאלט)

דריטער אקט (אין צוויא יאהר שפּעטער)

6 בילד 1 סצענע

(שטעלט פֿאר אבערגינע געגענד! — לינקס גאנץ וויט זעהט מען ארויס דאס שטעטעל בית-לחם, אגאנץ אלטער בנין מיט א ציבראַלענעם טויער שטעהט אויף א בארג —

געבען איהם א פּאלמענבוים — אנגעשפּארט אן איין אלטער ציבראַלענער וויל געבען בים שטעהט „שולמית“ פֿאַרטראכט, פֿערזאָרגט, זיא קוקט אלץ רעכטס צו דיא ווייטע טענען. פֿאַרשטעלט איהרע אויגען מיט דער האנד ווענן דיא שטראהלען פֿון דער מאָרגענזאָנגע — אין טהאל פֿון דעם בארג פּאסעט זיך א טשערעדע — זאָנגענאויפֿגאנג — פֿערהערט טהוט זיא א מאך מיט דער האנד, לאזט זיך לאנגזאם אראפּ געהן פֿונם בארג, קוקט זיך אללע מאהל אום — טהוט א שווערען זיפֿץ — און זינגט)

1.

שבת, יום טוב, און ראש חודש,
בעט איך מיר אליין פֿאַר זיך;
איך האב מיר אליין מיין ארון קודש
עס בייס נים קיינער אין איהם — נאר איך! —

מיין שווער הארץ, אין דארט דער עמוד
עס זעהט איהם קיינער נים ארויס
דיא לעבע אין דארטען, מיין נר-תמיד...
עס ברענט! — און לעשט קיינמאהל נים אויס! —

2.

דער מן בין איך — אלץ איך אליין,
דיא צרות — העלפֿען מיר וויא זינגערים מיט
פֿרידערים, זינגען מיר אויס גאנץ שיין,
פֿרייליכ׳ם? עפּעס געדט ביי אונז נים!...*)

דיא האפֿנונג הערט מען דארט פֿירזאגען;
מען הערט דיא ארים, אויך זען זיא שווייגט!...
באלד הערט מען דיא דארט ווייגען, קלאגען,
און דיא טרערין קלאפּען צו,צום טאקט! —.

---

*) איך זינג מיר מעלאָדיען שיינע מען הערט פֿערשידענע דארט טאָהנע
דיא געפֿיהלע ווענן דארט מיין קאָהר באלד גייט עס מאָהלי און באלד מאַזשאָר

8.

מיין תחינה איז גימאכט נאר פאר נקבות
וואס ס'האט וייא גיטראפין דאס וואס מיך:
זייא קענען אללע ראשי־תיבות,
דארט ליינען שנעל אזוי וויא איך!

גענוג געדאווינט, גענוג גיקלאגט,
גענוג גיוויינט, עס איז צו פיעל!
איך האב קדיש אויך שוין אפגיזאגט...
אהיים! — פערשלאגין איז שוין דיא שול! —.

(זיא פאר שטעלט מיט דיא הענט דאס פנים אונ וויינט)

אה! מהייער קאסט מיך מיין לעבין! צו מהייער האב איך באצאהלט
דער פאר;
וואס טויג מיר אזא געמיטשעט לעבין אין ליידין אונ אין צער?
בעססער וואלט מיך געוועזן דער דארשט פארברענט אויף קויל,
בעססער — דער ברונענען איינגעשלונגען אין דיין וואססעריג מויל. (פויזע)
אוי! נישטא קיין ערגערער טויט, קיין ערגער קריינקען,
וויא אומזיסט צו האפען, צו ווארטען אונ צו בענקען — (פויזע)
איך האב ערווארטעט דעם טאג וואס ער האט מיר בעשטימט,
איך געה איהם ענטגעגען — איך מיין ער קוממט —
איך האב אבער נאר גימיינט, איך האב מיך אפגינארט נאר,
יעדע סעקונדע איז מיר א טאג, יעדע מינוט — א יאהר —.
שוין צוויא מאהל האט זיך דער ווינטער אוועק געריקט,
שוין צוויא מאהל האט דער פריהלינג דיא ערד דערקוויקט,
פיעל מענשען געהן קיין ירושלים, קוממען צוריק בשלום,
יעדען וועה איך קוממען נאר — ניט מיין אבשלום! (נאכדענקענד)
וואס איז מיט איהם געשעהן? — איך קען עס מיר ניט ערקלעהרין?
ער, דער פיינער זאלל מיר אונטרייא ווערען? —

ער, וואס דאט מיר געשוואוירען אזא טרייע
פאר גאטט, פאר'ן הימעל, פאר צוויא עדות נייע?! —
ער, וואס האט מיר גערעטעט מיין לעבען,
וואס איך האב איהם מיין ליעבע, מיין הערץ אוועק גיגעבין,
ער, וואס האט מיר היילינג געשוואוירן דארט...
ער האט ניקענט אזויא גיך ברעכין זייןווארט? — (פויזע)
ער האט געשעפט פון מיר ארמע! זיך גימאכט א געלעכטער?
ער האט זיך פארבונדען מיט איינע פון ירושלים'ס רייכע טעכטער!
זיא האט איהם בעצויבערט מיט איהרע מהייערע שטיינער!
זיא דריקט ער צו צו זיך — נעהמט זיא ארום? — דער געמיינער!

(מיט שמערצליכען כעס)

שפרינג ארויס דו א קאטץ! דאס איז נישט דיין ווייב!
שטעק אריין דיינע שארפע נאגיל אין זיין לייב!
רייס איהם אוועק פון איהר, שלעפ איהם צו צום ברוננען!
ווארף איהם אריין אהין, דארט וויא דיא קוואלען רינגען
ווארג איהם! — טרענק איהם! — לאז איהם ניט אפ! — ניין! —
נאכע פאדערט, נקמה! — איהר זענט דיא עדות גיוועזן — (ענטשלאססען)
הא! הא! — ער ווייגט? — ער ווילל, אונ קען ניט שרייען,
ער בעט זיך בייא איך, איהר זאלט איהם פערצייהען? (גוטמוטהיג)
נא נא לאזט איהם אפ, ס'איז געוויך א רחמנות,
שוין גענוג! מוטשעט איהם ניט אזוי מיט סכנות,
ער האט שוין חרטה, עס וועט שוין מעהר ניט געשעהן,
איך האב אבעסער הארץ, איך פערצייהע איהם אליין,
א מענטש מאכט א פעהלער — אבער דאך האלט ער ווארט.
ער וועט נאך קוממען צו מיר, קוממען וועט ער פארט —, (פויזע)
„ביז'דין דער טויט" — — פלעגט ער אליין ריידין —
„ביז'דין דער טויט וועט אונז קעננען צו שיידין!" (נאכדענקענד)
דער טויט? — אוי, איך האב ארויס גירעדט אין אזא שעה,
אפשר איז ער ווירקליך, אויף דער וועלט מעהר נישטא?
אפשר איז ער ניט שולדיג?, ער האט נעביך גיביינקט,
זיינע קרובים האבין ניט דערלאזט — אונ איהם האט'ס געקרענקט

און איז פאר צער דערגאנגען, וואס ער האט געבענקט נאך כבוד..
האב איך מיך גאר אומזיסט ניט בייזערט אויף דיר!

(שמערצליך וויינענד)

שלאף רוהיג אין דיין קבר! שלאף דיר בשלום! —
אפילו נאך דעם טויט בין איך דיינע אבשלום!
פאר דיר וועל איך שטארבען, פאר דיר וועל איך לעבען!
מין הארץ איז ביי דיר, דיר האב איך'ס אוועק געגעבען —

(ענטשלאסען)

איך וועל מיך גאר קיינמאהל אויף דער וועלט ניט ווייזען,
מיין ווילען איז א פעסטונג, מיין הארץ מאך איך צום אייזען!
קיין מאנן וועט ניט וואגען מיין האנד צו בייטען!
און ווען אויך מיין פאטער וועט מיך וועלען נייטען,
און צו וואס פאר א פארטיי ער וועט מיך וועלען צווינגען.
ווי די קאטץ, אין די אויגען וועל איך ארויס שפרינגען!
משוגע וועל איך! — משוגע מיך מאכען פאר אללע! —

(פויזע)

וואס טויג חתנים א משוגענע כלה!)
יאה! פאר אללע בין איך משוגע — נאר ניט פאר איינעם!
דער סוד בלייבט ביי מיר, איך זאג איהם ניט קיינעם! —

(אין דעם ווערט א שטורמווינד דער זאמד פליהט אין דער הויך און רוישט)

הא? די נאטור! וואס איז דאס געווארין מיט דיר?! —
פיהלסט אויך, וויא עס שיינט, מיין הערץ גלייך מיט מיר
ביזט אויך אין כעס? — בלאזט פון אללע זייטען? —
נארפסט דעם זאמד אין דער הויך זעה איך פון ווייטען?
ווארט, בייזער שטורם, איך געה אהיים אליין!
מעהר וועסטו מיך שוין אויף די בערג קיינמאהל ניט זעהן!! —

(זי לויפט ארויס שנעלל אומקוקענדיג זיך צום שטורם)

בילד 2 סצענע

(שטעלט פאר דאס איינזאמע צימער פון שולמית פאטער — דער אלטער מנוח קומט אריין גלייך וויא ער האלט אין א שמיעס — נאך איהם איינגע בחורים)

מנוח נא וואס קען איך איך ענטפערן מיינע ליעבע לייט?
וואס האט מען זיך צו אילען, עס וועט נאך זיין צייט!
מיין שולמית איז נאך יונג, וואס האב איך מיך צו יאגען —
און ווידער דארף מען הערין וואס זיא וועט זאגן —

איינער. דאס דארפט איהר אליין פערשטעהן, איהר עהרליכער אלטער
אז דאס קען נאר ריידין דער שכל דער קאלטער! —
איהר זענט אויך יונג געוועזן, האט איהר דען ניט געפיהלט?
וויא דאס יונגע בלוט רייצט זיך און וויהלט,
געגין אזא קינד, אונשולדיג און שיין,
וויא אייער טאכטער איז? — ווער קען דען באשטעהן?
זאגט ארויס דאס ווארט, ענטשליעסט אייך געשווינד!
קלויבט אייך אויס אליין, ווייזט אן אצינד,
ווער קען דאס גליק האבען אייביג צו זיין,
אייער טאכטערס ווירדיגער, גליקליכער מאנן?! —

מנוח. עס איז גאר קיין וואונדער אז מען קען זיך פערליערין!
אללע טאג, אללע טאג שלאגט מען מיר אפ די טהירען:
דער איז פיין, דער איז פרום, דער האט פערמעגין!
איך זאג דאך אייך — איך מוז מיין טאכטער אויך נאך פרעגין.
שאט! — מיר דאכט עס קומט שוין ווידער יעמאנד!
אפשר אויך בעטען מיין טאכטערס האנד! —

---

3 סצענע

(עס שפאנט אריין מיליטעריש געקלייד און ניינט זיך אויף אריענטאלישער ארט געגען מנוח)

יואב גדעוני. (זינגט) איך הייס יואב גדעוני!
איך הייס יואב גדעוני!
דער נאמען מיינער איז דאך פיין,
פון יודישע העלדין דער שטארקסטער כאטש! —
איך האב די אראבער געשלאגין.
פיעל רויבער אוועק ניטראגין,

בלדעער געפאנגען האב איך געהאפט ,
איך דיא ראממער גוט גוט דורכגעקלאפט ,
אונ נאך שלאכטין איינגענעהמען , אסך , אסך , אסך !
מיינע אללע לארבערקראנצע , ליג איך דא פאר אייך !
א מעכטעריל האט איהר , שיין אהן אשיעור ,
מיין ליעבע איז צו איהר גרויס ;
קען זיא ניט זיין יעצט א כלה פאר מיר ,
ניין , ניין האלט איך ניט אויס ! —.

---

4 סצענע

(מנוח גיט איהם אצייכען זיך שטעללען אביסעל אין [illegible] , וויל עם קומט אריין דער רייכער בירגער זיך ניינענד)

אבינדב (זינגט) איך הייס אבינדב !
איך הייס אבינדב !
דער נאממען מיינער איז דאך פיין ,
פון יודישע גבירים דער רייכסטער מאן ! —
איך האב פעטע פעלדער ,
אונ פיעל גערייכטע וועלדער ,
אונ שיינע הייזער גאר אהן צאהל ,
אונ ווייגגערטנער אויף בערג אונ טהאל .
אונ פעסעלעך מיט גאלד אונ זילבער , אסך , אסך אסך ,
מיין גאנץ פערמעגין אונ עשירות ליג איך דא פאר אייך !
א טעכטעריל האט איהר שיין אהן אשיעור ,
מיין ליבע איז צו איהר גרויס ;
קען זיא ניט זיין יעצט אכלה פאר מיר ,
ניין , ניין , האלט איך'ס ניט אויס ! —

---

5 סצענע

(מנוח גיט איהם א צייכען זיך שטעל ען אין א זייט וויל עם קומט אריין אונ [illegible] אביג זינגענד דער כהן-הכהן)

נתן הכהן איך הייס נתן הכהן !
איך הייס נתן הכהן !
דער נאמען מיינער איז דאך פיין ,
פון יודישע פריסטער דער פרוממסטער מאן ! —
איך האב מעהר פון נבורים :
צו מיר גיהערין אללע בכורים .
אונ מעשר פון אללעם וואס ס'קוממט אויף ? —
אונ אללע קרבנות ווערעסט זייא דען אויף ? —
אונ אויך פון אקסין , עופות , לאממער , פלייש אסך אסך !
מיינע אללע פעטע קרבנות ליג איך דא פאר אייך ! —
א טעכטעריל האט איהר , שיין אהן אשיעור ,
מיין ליעבע איז צו איהר גרויס ;
קען זיא ניט זיין יעצט אכלה פאר מיר ,
ניין , ניין , האלט איך'ס ניט אויס ! —. (ער טהוט זיך אנייג)

מנוח איך זעה קינדער , מיר וועלען אזוי ניט קוממען צו קיין ציעל ,
ווייל בעלנים . בעלנים זענען דא זעהר פיעל
אונ כדי יעדער פון אייך זאל זיך ניט באקלאגען ,
וועלען מיר גורל וואַרפין . וועהמ'ס גליק ס'וועט אויסטראגען !
באשטעהט איהר אזוי ?

אללע — — — מיר באשטעהן דארויף .

(מען טראגט אריין א טישעל מיט א פישקע , מיט פארמיט מיט א גריפעל)

מנוח . שרייבט אייך יעדער זיין נאמען אויף , (רעטשעטאטיוו מיט מחיק)
אויף אשטיקעל פארמעט אדא צום סוף ! —

אללע . גוט מיר פאלגין ,

מנוח . נא הייבט אן ! —

יואב גדעוני . (געהט צו צום טישעל אונ שרייבט) איך יואב גדעוני בן אליעזר הלוי (ער דרעהט צונאויף דאס שטיקעל פארמעט [illegible] עס אריין אין פישקע זינגט ער)

אין אזא שעה
ליג איך דאס דא ,
נעהמט אונ מישט עס אויב !

אז דיא ברכה,
„גורל וכהי
זאלל פאר מיר ארוים!

אללע (מאכין צו איהם מיט די פינגער) מיין ניט בארימטער,
אז ס'איז נאר איין נוממער,
עס זעגין דא אסך!...
האב איך זינען,
אז געווינען,
קאננען מיר אללע גלייך! —

(דאס זעלבע ווידערהאלט זיך ווען „אבינדב" אונ נתן הכהן שרייבען אן פיר אין דעם קאהר)

מנוח (מישט אוים דיא פישקע) שטעק מיין קינד דיא האנד אריין.
און שלעפ ארוים וועהם'ס גליק ס'זועט זיין! —

(איינער פון זייא שטעקט אריין דיא האנד אין דער פישקע ער נעמט ארוים א קוויטעל אונ טהיט א געשרייא „יואב גדעוני" — אללע שאקלען מיט דיא קעפ פערדריסליך, פערלייגען דיא הענד אונ מאכען איינער צום אנדערן פערוואונדערט „גדעוני" — מנוח נעהמט גדעונין פאר דער האנד אין גראטאליר'ט איהם פריינדליך—ווערענד ער לאכט פון זייא אללע אונ רייצט זיך מיט זייא)

יואב גדעוני, נא ווער געווינט,
נוא ווער, ווער, ווער?
איך געווין! הא קער, קער, קער?
נאר אדאס האט מיר געפעלט צום
גליק
האב איך דאס אין דעם אויגענבליק,
יעצט הייס איך באמת טאקי רייך,
אונ לאך מיך אוים אונ לאך חחח!

איהר מייגט איך אויך יא, שווער,
שווער שווער,
מיט זייא רייצען: קער קער קער!
איהר דארפט אליין אויך זיין דער-
פרייהט,

וואס האט זיך אזוי אויסגידרעהט
וויא אזוי וואלט איהר בדארפט
בעטריבט גאר זיין,
ווען ס'געפאלט אויף איין אנדער
מאן חחחח!

נא וואס זשע ווארט איהר נאך
מעהר, מעהר, מעהר!
איהר האט פארשפיעלט! — נא? —
קער, קער, קער!
וואס זשע שטעהט איהר אראפ
געשלאגט די נעז?
אויף מיר האט איהר גארניט צו
זיין בייז!

ס'איז אזוי, מן השמים בין איך
געווען!
דערבא מאכט פארקערט חחח?

אין דעם הערט מען וויא פון דרויסען
שולמית'ס שטימע — זיא זינגט דיא
לעצטע סטראפע פון איהר ליעד)

מנוח, שאט! מיר דאכט איך הער מיין שולמית קומען —!
מיין ליעבער חתן זיים מוכן ומזומן! —

---

8 בילד 6 סצענע

(שולמית קומט אן פארטראכט — דעם קאפ אראפ — קוקט זיך נים אום)

מנוח אזוי פאר טראכט, ? טאכטער, קוקסט גאר נים אויף מיר! —
אונ בעמערקסט נים דיין חתן, איך שטעל איהם פאר דיר!

יואב גדעוני (לאזט זיך צו געהן צו שולמית אונ שטעלט זיך פאר העפליך)
יואב גדעוני! —

שולמית, (טהוט אויף איהם א קוק מיט אשמייכל) חתן? אפיין יונגעל —
איין אנמיק! (צום פאטער)
מזל טוב דיר, טאטע, מיט דיין זיווג — איך ווינש איך צו גליק!

מנוח איך פערשטייא דיך נים טאכטער?

יואב גדעוני, (טרעט צו צו שולמית) שולמית איין ווארט!

שולמית (טהוט איהם אשטופ פון זיך מיט כעס) פארט! —
(זיא לויפט ארום וויא משוגע ווארפט יעדען פון זיך אונ זינגט)
איך בין היילינג טרייט נים צו אהער!
איך וועל טייטין יעדען, עס מעג זיין ווער:
אוועקט, אוועקט, אוועקט, אוועקט פון מיר!!! —
עדות! — הימעל! — ברוננען! — קאטצע ווילדעס טהיר! (שנעללער)
עדות, קאטצע, ברוננען, הימעל,
אללע דרעהען זיך אין רימעל

(פלוצלונג בלייבט זיא שטעהן פארטראכט גלייך וויא זיא דערמאנט זיך אין עפיס — זיא זינגט טרוירין)

אה, דער ברוננען, אה דער!
אונ דיא קאטצע אה דיא אה!
וואללען זיין, וויא איך שווער,
עדות צו אונזער שבועה,

[illegible] ווער גאר פון אונז וועט ברעכין דאס האַרץ.
זייא אליין זאללען דאָרט,
פערלאנגען אויפ'ן אָרט,
באבע, באבע אין איינעם פאַרט! —

([illegible] צו ווייגען זיך שטארק און פאלט רעם פאטער אויף דעם האלז, אללע קוקען [illegible] אן שטוינענד — שולמית רייסט זיך פלוצלונג אויף פון דעם פאטערס האנד לויפט ווידער ארום, זינגט)

אפשטעט מיער איז מיין הערץ
קינדער קען ניט וויסען מיין שמערץ אוועקט אוועק א. ז. וו.

(ביז זיא פאלט ווידער רעם פאטער אויפ'ן האלז)

מנוח. (בעשטירצט) וועה איז מיר — וואס איז דא געווארין מיט מיין קינד? ...

זיא איז עפעס אין גאנצין איבערגעביטין אצינד! ...
דערציילע מיין טאכטער, אויב דו האסט מיך ליעב!
אויב דו ווילסט ניט דיין טאטען טרייבען אין גריב! —

שולמית. (פערווירט) איהר ווילט וויסען? — וויסען ווילט איהר וואס איז געשעהן?

איך — טסי! — שא א שבועה! ניין — ניין! —

(זיא טהוט א חאפ איינעם פון דיא בחורים האלט איהם צו מיט איין האנד, און מיט דער אנדערער וויזט זיא איהם אין דער וועלט אריין, גלייך וויא זיא זעהט עפעס דארט און זינגט)

1.

דאָרט אין דער וויסטע וויים,
דאָרט וויא דיא זונן דיא הייסע ברעננט שוויהל!

(זיא טהוט איהם אווארף פון זיך)

שטעהט אברונענדיל ביא דער זייט,
דאס וואסערל פליסט דאָרט קהיל — (זיא חאפט אצווייטין)
קיין בלומ'ס וויל נישט באשיינען,
דאס ווייטע, ווילדע, זאמדינגע פלאטין, (טהוט איהם אווארף [illegible])
דאָרט הערט מען מיוקען און וויינען,
א בייזע ווילדע קאטין! ...

([illegible] לויפט צו צום פאטער אויף דיא שפיץ, פינגער גלייך וויא זיא ראכט אין אסוד)

„מיזא" — שרייט זיא ביין — איהר ווילט דעם „מיזא" פערשטעהן?

אללע מיר ווילען דעם „מיזא" פערשטעהן!

שולמית דאס קענט איהר ניט וויסען, ניין, ניין! (רייסט זיך דיא האנד)
דעם סוד וויים איך גאר אליין! — יאה, יאה, יאה, הא! הא! הא!

(פאלט דעם פאטער אויפ'ן האלז און לאכט)

מנוח (פערצווייפעלט ברעכט דיא הענד) אוי וועה איז מיר!

אללע מיר וויסין גאר ניט אצונד,
וואס איז געשעהן מיט דעם קינד! —

שולמית (חאפט זיך ווידער אויף שלעפט איינעם וויטער צו, און וויזט איהם אין [illegible]ער וועלט אריין)

2.

דיא אויערען מאכט זיא גרעססער,
גלייך וויא זיא שטעהט און הערט עפעס אויס! ...
און דיא נאגעל, וויא דיא שארפע מעססער,
שטעקען וויא שפיזען ארויס! —
אין ראהד, איהר רוקען גיבויגין,
פון איהר פיסק הויבט שרעקליכער האס
און פון דיא ברעגענדיגע אויגען,
בליצט אפייערדיגער כעס! ...
„מיזא" — שרייט זיא ביין — און ווייזט איהרע שארפע ציינ[illegible]!

אללע. וואס איז פאר אשארפע צייהן? —

שולמית. אוי הימ איך, דאָהט איך אייך שיין,
אויב איהר ווילט ס'זאל א יך שלעכט ניט געשעהן -
יאה, יאה, הא! הא! הא! א. ז. וו.

שולמית. דאָרט זעה צום ברונענען פליהען
אדאָרשטיג יונגעל — און טרינקט אסך! —
ער לייגט זיך אביסעלע רוהען,
און קלערט ניט איבער קיין זאך ...
אה! טהיט א בלימץ איין אייגעל ..

עס שפרינגט ארויס די ווילדע קאמץ —
און כאפט זיין האלז מיט די נאגעל,
צו דערווארגען איהם אויפ'ן פלאמץ'...
„מיזא !" — שרייט זיא בייז — דוא קומסט ביי מיר דא דערנעהן!
„האלטען מוזסטו מיר די שבועה — איך בין דיין עדות געוועזען!!"
יאה יאה יאה חה חה חה! א. ז. וו.

מנוח. (ברעכט די הענד און וויינט פערצווייפעלטע) וועה איז צו מיינע אלטע
יאהרען, וואס איך האב דאס דערלעבט,
י״ פון מיין קינד זאל דאס ווערין, וועה דאס זיך נאר געגלייבט

שולמית. (די גאנצע צייט לאכט און וויינט — פליקט זיך די האאר פינ'ם קאפ און רייסט אב פון זיך דעם מאנטעל, דעם נאושליער, — ענדליך כאפט זיא זיך, גערדם צו מיט א שטיבעל צו אבינדכען, און לייגט ארויף אויף איהם די האנד)

אה! — א פיינער חתן! איהם קען איך בארפען
זיא ... שטעהט און געדט, (מיט כעס) אין ברונען אריין צו ווארפען?

(זיא מרוט איהם אווארף פון זיך, צולאכט זיך, לויפט צו צום פאטער — זיא ענדערט איהר פויגע: זיא ציהט אוס גליך איהר האנד, שפאנט צו מיט מיליטערישע שריטט צו „יואב גדעוני" שטעלט זיך קעגען איהם ווי א סאלדאט און זאגט צערטליך)

און דוא גרויסער העלד, וואס דוא האסט פעסטונגען איינגענומען?
מיך איינצונעמען, א א שוואכע פעסטונג, ביסטו אהער געקומען?
שוואכע פעסטונג? (מיט כעס) ציטטער פאר מיר דוא גבור! —
ביינ פאר מיר די קניע!!

(זיא ווייזט אויף איהר ברוסט) צו דער פעסטונג מרייטסטו איבערג ניט צו,
דיר וועט ניט העלפין דיין שווערד, שפיז און בוינין!
אהער גיב! איך שטעך דיר אויס דיינע אויגען!

(אין דעם האפט זיא ארויס פון זיין שייד די שווערד זיא מרוט איהם אווארף אין פנים — די שווערד פאלט אראפ זיא לויפט אוועק לאבענדיג — נאך א קליינער פויזע לאזט זיא זיך צו געהן צו „נתן הכהן" — לייגט ארויף אויף זיין אקסעל צערטליך איהר לינקע האנד, און מיט דער אנדערער גלעט זיא איהם פאר דער רויטער בארד)

און דוא מיין רויט קעצעלע ביסט אויך דא?
שרעק די איבער די לייט, מאך די מויא, מיאו!

דערציהל ווי אזא שבועה טוט מען האלטען היילינג,
דראפע ווי! ווארג ווי! גיב ווי אפ זייער חלק! —

(זיא דראפעט איהם, ווארגט איהם, צולאכט זיך און פאלט ווידער דעם פאטער אויפ'ן האלז)

מנוח וועה איז מיינע יאהר, וועה איז מיינע טעג!
דערציהל מיר, טאכטער, דערציהל אז איך פרעג:
וואס איז דאס מיט דיר? דערציהל מיין נחמה!
דערציהל! און נעהם ניט ארויס מיר מיין נשמה! (וויינט)

שולמית	רעדט מיט	מנוח
אומזיסט איז גאר דיין פרעגען		אוי, אוי, ווי האלט מען גאר דס אויס!
איך וואלט דיר געזאגט ווען איך זאל מייגען,		אוי, אוי, מיין אומגליק איז דאך גרויס!
פרעג ביים ברונגען, אויב דוא ווילסט נאר הערען,		וואס איז פאר אברונען? — ווערסטען זאל איך הערען?
פרעג ביי דער קאטצע, זיא וועט אללעס ערקלעהרען		וואס פאר א קאטצע — וועה איז מיר — וואס וועט זיא ערקלעהרען?
ביים ברונגען!		וואס וועל איך הערען?
פרעג ביי דער קאטץ! —		וואס וועט זיא ערקלעהרען? וועה איז מיר (וויינט)

מנוח. טאכטער! אויב דוא פיהלסט נאר איין וועניג ליבע צו מיר!
טוה מיר נאך די לעצטע טובה, בעט איך ביי דיר!
גראב מיר אוים אגרוב, ליינ מיך אריין אין דער מינוט!
נאר ניט צאפען מיר צו ביסלעך דאס לעצטע בלוט! (וויינט)

שולמית. (געטראגין) פרעג ביים ברונגען

מנוח אה, דערויף האבען זיך אויסגעוואקסט מיינע גראויע האר,
צו זעהן מיין קינד משוגע? — משוגע? וועה איז צו מיינע יאהר!

שולמית (אלץ צוטראגין) פרעג ביי דער קאטץ!...

מנוח אה דער טאג פון באלייטען פון דענסטמאלט איז זיא פארלארען
זייט זיא איז אין דער וויסטע פארבלאנזעט געווארען! —
זאג —! וואס האט דיך געטראפין אזוינס אויף דיין גאנג?

שולמית פרעג ביים ברונגען! —

מנוה וואס ברוגען? האט דיך ניט געביסען אגיפטישע שלאנג?

שולמית פרעג ביי דער קאטץ?...

מנוה א קאטץ?—אה דיך צו היילען וועל איך אין עק וועלט לויפען.
איך וועל טהון אללע מיטלען—איך וועל מיך פערקויפען,
איך וועל פרעגען רופאים, כהנים אסך קלוגע,
פאמער ווייסען זייא א מיטעל, א מיטעל צו משוגע?

שולמית. פרעג ביים ברוגען:—

מנוה. ברוגען? קום טאכטער! אה אז איך לעב איז א גאטעס וואונדער!
בעט, טאטעס, מאמעס!—בעט. בעט אויף קינדער!

שולמית. פרעג ביים דער קאטץ.

מנוה. פיהרט זיא ארויס וויינט ביטערליך—. אללע קוקען זיך אום צו דער זייט וויהין מנוה מיט שולמית'ן זיינען ארויסגעגאנגען—דערנאך ווענדען זייא זיך צו דער זייט, וויא יואב נדעוני שטעהט פארזארגט, אראפ געלאזט דעם קאפ ער לאזט זיך ארויס געהן טרויריג—זייא זינגען איהם נאך לאכענדיג

נא, וואס זשעווארטסטו נאך מעהר, מעהר, מעהר?
דוא האסט אויך, גאר נישט קער קער, קער!
נא וואס זשע שווייגסטו? דוא מזלדיגער האז
וואס זשע געהסטו אראפ געלאזט דיא נאז?
את אזויא שפיעלט אבאריהמער אוים.
נא העלד מוישער? געה ארוים! ה, ה, הי!

---

9 בילד 7 סצענע

(שטעלט פאר אבשלום'ס רייך צימער—אויף אשיינעם דיוואן גאנץ בעקוועהם זיצען אבשלום מיט אביגיל'ן טרינקען קאפע, מונטער פריילעך—ציגניטאנג שטעהט צווישען זייא מיט אקרוג, אונ גיסט אן אללע מאהל—ער זינגט אויך אונ טאנצט.
אבשלום מיט אביגיל'ן זינגען צו זאממען:)

געדיינקסטו זיסער (זיסע) וויא איך האב דיך געחאפט!
יא מיין טהייערער (טהייערע) איך האב דיך דערטאפט!
לעבען אין נחת אונ אין פריידין,
אין דעם אמת'ן גן עדן,

האבען מיר אליין,
זיין געזונד אונ פריילעך,
וועננען מיר אליין,
דערצו אקינד וויא א בן — מלך
דאס האבען מיר אליין!—
האט אונז נאט באשערט, אי אקינד, אי געזונד, קלוג במיקא,
א יאהר אויף אונז—לאמיר זינגען אמן סלה!—

(אללע זינגען—ציגניטאנג זינגט אויך אונ טאנצט—זייא לאכען אללע פערגעניגט—ציגניטאנג זעהט וויא אבשלום מיט אביגיל'ן קושען זיך—קומט אריין אין דערמיט)

מיר אויך אזעלכס!—

אבשלום ער וויל נאר אזעלעכס!—האסט זיך אפנים זיא אשווארץ יאהר!
דיר אויך, גיבין כלה, אז דוא וועסט ווערין וויים, קלאהר!

ציגניטאנג ח, ח, איך ווער וויים, איך וועל קלאהר?
איך האבען כלה איך שווארץ יאהר!—(ער טאנצט ארוים)

אבשלום נא וואס זאגסטו, מיין ליעבע אביגיל?
אזא מען דארף ניט זארגין, מיין טהייערע אשת חיל!
געדענקסטו פאר אזאהעען ניט ביינט געדאכט,
דאס אומגליק וואס האט זיך מיט אונזער ערשט קינד גימאכט,
וויא אקאטץ האט עם אין וויגעלע דערווארגין: (אביגיל טהוט אז פיץ)
—נאר נישט גיקרעבטצט, וואס טויג דאס זארגין—:
גאטט האט געגיבין, גאטט האט גענוממען!
גאטט האט ווייטער געגיבען, את האסטו א סמן:
[illegible]ען וואס פעהלט דען עפעס, אז מ'האט אזא מלאך וויא דוא?
מיר [illegible]גען יונג, מיר האבין זיך געטרייסט, נאך וויא!—
אקאראט צום יאהר, זינט מיר האבין יענץ פארלוירין,
האסטו מיר נאך א שענערס, א געזונטערס געבוירין—

אביגיל גוט וואס דוא האבט מיך דערמאנט! וואו איז דאס קינד?

אבשלום מיר דאכט ס'איז מיט דער נאם אין גארטין אצינד!—

אביגיל ציגניטאנג! (ציגניטאנג לויפט אריין דאס פנים איינגעשמירט מיט מעהל)

ציגניטאנג איך, שוין תחן, איך ווייס קלאהר,
מיר גיב כלה מיר שווארין יאהר! —

אבשלום נא אצונד האסטו שוין אכלה, האסט ליעב דיא נאם

ציגניטאנג. (טאנצט) אה, אה, ליעב האם, האם!

(ער פאלט וויא צו דיא פיס אונ קושט וויא)

אביגיל נא געה רוף אריין דיא נאם דוא שווארצער רוח!

ציגניטאנג. גע, גע, מיידעל! איך ווייסער רוח!

אביגיל. נא ווייסער! — לאז זיא אריין ברענגען דער מאמען דאס
קינד גיך! —

ציגניטאנג איך נאם, קינד, איך געה, איך!
ברענג, רוח מאמען, קינד גיך? (ער טאנצט ארויס)

אביגיל נא געה שוין געה דוא ווילדע זאך,
ווען וועסטו איהם שוין אויס לערנען ריידין גלייך?

אבשלום וואס אארט דיך, ער אונטער האלט מיך סאי וויא סאי!
דערצו איז ער עהרליך בטבע, אונ מיר וועהער געטרייא.
זיין לייד ענשאפט איז נאר כלה — נא האט ער שוין דיא נאם
דא וועט זיין א ליעבע, צום טויט לאבין מן הסתם! (ער לאכט
איך זאג דיר אז איך דערמאן מיך אין יונגער צייט,
האלט איך מיר פאר לאבין נאך יעצט ביא דער זייט! (ער לאכט
געדיינקסטו, איידער מיר זיינען געווארין חתן כלה,
אין ווייננארטען, וויא מיר האבען זיך אונטערהאלטין אללע
וויא איך האב אפ געגארט חנניה'ן, אונ דיך אויסגעחאפט געשווינד!..
(דורך דעם צו...בעים ביסטו מיר באשערט מאקע אצינד!)
וויא ער האט זיך געשמיצט פאר כעס וויא אפיפערנאטער,
אז ער האט פלוצלונג ארויסגיחאפט נאר דעם שווארצין קאטער
ח, ח, ח,

(וויא צו לאכין זיך ביידע — אין דעם דערה רקן זייא פון וויטנס ציגניטאנג
שטימע ער ריטשעט וויא אבהמה אונ וויינט — זייא ווערין איבעראשט
הערען זיך צו)

אביגיל וואס רעוועט עפעס דאס ווילדע בהיר?

(ציגניטאנג קומט אריין וויינענד)

אבשלום וועה האט דיר עפעס געטהין? וואס איז געשעהן מיט דיר?

(ציגניטאנג וויינט)

יאג שנעלל! — רייד ארויס איין ווארט! — (ער וויינט)
זאג! — ווארען איך מיט דיך דא אויפן ארט! —

ציגניטאנג פיצעלע — ויין — פיצעלע — ויין — האם!
אה, אה, וואססער, אה — באם, באם! — (ער וויינט אליין)

אבשלום וואס פאר אבאם? —

ציגניטאנג, באם, באם, (ער ווייזט מיט דיא הענד אויף דער ערד, און
דעם לויפט אריין

---

8 סצענע

דיא נאם (ברעכט דיא הענד) איין אומגליק, מיין ווירטהין, איך בין
פארלארין!
עס האט זיך אויסגיגאסין אויף אונז גאטטעס צארין!...
איך שטעה אין גארטען, זעהן וויא מען באגיסט איהם אצינד,
אונ וויא איך שטעה נעבין ברוננען, אונ אויף דער האנד דאס קינד!
האט זיך דאס פלוצלונג אויס גיוועקנעט פון מיינע הענט!
אונ איז אריין אין ברוננען, אין דעם מאמענט! —

אביגיל. גוואלד מיין קינד! — וויא?

אבשלום. מיין קינד — אך! (ער פאלט אהנמעכטיג אויף דעם דיוואן)

דיא נאם. דארט — דארט — ס'איז טויט —

אביגיל (ארויס געהענדיג) אה רוף מיר דיא קלאג מ מטערם צו מיין נויט
זיא מיט דער נאם געהן ארויס)

---

10 בילד 9 סצענע

(אבשלום ליגט אויף דעם דיוואן אין קאנוואלסיהיער בעוועגונג, צו צייטין הערט מען
פון זיין ברוסט א טיעפען זיפץ —. דיא מוזיק שפיעלט דיא מעלאדיע פון דער
„שבועה" שטילל — אין דער מיט פון דער וואנד עפענט זיך א טאבלאה. אונטער

(א בלויען נאז מיט מאנדליכט בעלייכטעט זעהט מען איין בילד: — דעם ברונען, נעבען איהם דיא קאטץ, שולמית זיטצט אנגעשפארט טרויריג ביים ברוננען און קוקט אויף דער קאטץ, זיא האלט זיא ארום — אויבען שטעהט א מלאך — מיט איין האנד וייזט ער אויף דעם בילד — מיט דער אנדערער — ווינקט ער צו אבשלום'ן ער זאלל קוקען)

אבשלום (פערווירט) הא? — וואס איז דאס? אמלאך! ער ווייזט מיר!
וואס ווייזט ער? — א ברוננען... א קאטץ... א מעדכין נעבין איהר!
שטעהט טרויריג!... ווינט!... ווער איז זיא?... זיא ווייזט
אוים באקענט?
הא? (מיט אווילד געשרייא) שולמית! (שטיללער) — — הא! דער מאמענט —

(דאס בילד מאכט זיך צו)

יעצט איז שוין רעכט! — דיא ווילדע קאטץ! — דער ברוננען! —
ביידע זענען עדות! — יעצט קומט'ס מיר אויף דעם זינען!
זי פאדערט ראכע? — אה דיא שטראפע איז צו גרוים! —
און אביגיל? — — ! ניין, איך האלט עם ניט אוים! — (פויזע)
דאס איז א פינגער פון גאטט! — דאס איז זיין נבואה! —
אה גיטרייע שולמית, דוא ביסט אלין גיטרייא דער שבועה!
דו פאדערסט נקמה פון מיר? — איך זעה, איך זעה,
דוא פאדערסט מיך צום משפט! — איך געה, איך געה,

(ער וויל זיך לאזען געהן טהוט ער א ציטטער און חאפט זיך צוריק, ווייל ער דערהערט דאס קול פון דיא קלאג ווייבער וואס קוממען אריין)

10 סצענע

קלאגווייבער שרייט זשע ווייבער מיט מיר אין איינעם א יאממער א קלאג!
אזא אומגליק זאלל זיך טרעפין, צוויי אין איין טאג; —
שלאג זשע זיך אין קאפ אריין, שלאג!
אזא אומגליק, אזא צרה, אזא ווייטעג, אזא פלאג;
צווייא אין איין טאג!

אויף די קעפ שיט, אש אייך, ווייבער!

טהיט אייך אן זעק אויף דיא לייבער,
רייסט דיא האאר אוי!...
אזא אומגליק, אזא צרה, אזא ווייטיג, אוי, איי!
צווייא אין איין טאג! — דיא ווייבער פאסירין דיא ביהנע אביגיל
טהוט א פאלל אויף דעם דיוואן — דאס פנים פארהילט מיט ביידע הענד און
ווינט שמערצליך — פויזע! — אביגיל חאפט זיך אויף ברעכט אוים מיט א געוויין!

אביגיל אה גרויסער גאטט און וואס שטראפסטו מיך אזוי שווער?
וואס האב איך אזוינס געזינדיגט? אה, גרויסער הערר!

אבשלום בערוהיג דיך מיין טייערע — אמת ס'איז זייער שלעכט
נאר גאטט און זיין משפט איז תמיד גערעכט,
נישט דוא ביסט שולדיג אין דעם אומגליק, ניין!...

אביגיל אה אזא צרה האט קיינעם נים גיטראפען, נאר מיך אליין
וואו האט מען נאך גיהערט אזא ווייטיג אזא פלאג,
צווייא קינדער זאלין שטארבין — זאלין אין דעם זעלבין טאג!
דאס ערשטע פון דער קאטץ, דאס צווייטע פון דעם ברוננען..
קיין אנדער וועג האט דער מלאך המות צו זייא נים געפונען?
אה אזא צרה איז דאך נאך ביי קיין מוטטער פערלאפין.
נאר ביי מיר, וועה איז מיר! מיך האט עס גיטראפין!...

אבשלום גאטט'ס משפט איז רעכט מען דארף זיך נים קלאגין!

אביגיל פאר וואס קומט מיר דער משפט? וואס קומט מיך צו פלאגין?
וואס האבין זייא גיזינדיגט? ווערהמען וועסטו דערציילין!
דיא צווייא אומשולדיגע מלאכים, דיא צווייא יונגע זעעלין..

(זיא פאלט איהם אויפן האלדז און וויינט)

אבשלום אה גענוג שוין אביגיל! — עס איז שוין נים צום אויסהאלטין!
הער אויף מיט דיינע ווערטער מיין פערוואונדעט הארץ צושפאלטין —
עס איז גענוג צערריסין פון גאטט'ס גיפטיגע פיילין...
איך — יאה איך בין ווערט אללע מארטערן און קוואהלען!

אַזאַ טְרַייא־לִיעבֶּענד הֶערְץ ווִיא דַיינְס, אוּנְשוּלְדִיג אוּנ פֵיין,
הָאט נִיט פֶערְדִינְט צוּ הָאבֶּען אַזאַ זִינְדִיגִין מַאנְן!...
וָואס איז פַאלְש — אוּנ קֶען בְּרֶעכִין אַיין הֵיילִיגֶע שְׁבוּעָה!
יָאה, אִיךְ בִּין דִיר מוֹדֶה, דוּא גֶעטְרַייֶע, דוּא צְנוּעָה!
פֶערְצַייה מִיר! — דֶען נִישְׁט דִיר גֶעהֶערְט מַיין הֶערְץ מַיין לֶעבִּין,
נַיייל — שׁוֹין לַאנְג הָאבּ אִיךְ עֶס אַיין אַנְדֶערֶער אַוֶועק גִינֶעבִּין!

אביגיל (ערשראקען) וָואס? — וָואס הֶער אִיךְ? — וָואס רֶעדְסְטוּ אַבְשָׁלוֹם!
רֶעדְסְטוּ נִיט פוּנ'ם שְׁלָאף? — אִיז דָאס נִיט אַ חָלוֹם?

אבשלום נֵיין — ס'אִיז קֵיין חָלוֹם, לֵיידֶער אִיז אֶמֶת וָואס אִיךְ זָאג —
צְווֵיי יָאהְר אִיז פֶערְגַאנְגֶען, (אִיךְ גֶעדֵיינְק נָאךְ דֶעם טָאג)
ווִי אִיךְ בִּין מִיט מַיין קְנֶעכְט אוֹיף דֶעם וֶועג גֶעוֶוען,
אוּנ הָאבּ מִיךְ גִילָאזְט קֵיין יְרוּשָׁלַיִם אַהֵיים צוּ גֶעהְן;
דֶער דָארְשְׁט הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְט — אִיךְ קוּם צוּ צוּ אַ בְּרוּנְנֶען,
אִיךְ דֶערְזֶעה — צוּ מַיין שְׁרֶעק — אַ מֵיידְכִין דַארִינֶען!
זִיא הָאט פֶערְבְּלָאנְזֶעט אִין דֶער ווִיסְטֶע אוּנ אַהִין פֶערְגַאנְגֶען,
וֶוען אִיךְ גֶעהְם זִיא נִיט אַרוֹיס — ווָאלְט זִיא גִיוֶוען דָארְט דֶערְגַאנְגֶען;
אִיבֶּערְרַעשְׁט פוּן אִיהְר חֵן, אוּנ וָואס אִיךְ הָאבּ אִיהְר גֶערֶעטֶעט
דָאס לֶעבֶּען,
הָאבִּין מִיר זִיךְ בִּשְׁבוּעָה אוֹיף אֵייבִּיג דִיא הֶערְצֶער גִינֶעבִּין...
אוּנ פַאר עֵדוּת אַז קֵיינֶער זָאל נִיט בְּרֶעכִין דָאס וָוארְט,
אִיז גִיוֶוען אַווִילְדֶע קַאטְץ — אוּן דֶער בְּרוּנֶען דָארְט!...

אביגיל גָאטט! וָואס הֶער אִיךְ?

אבשלום אָה, דִיא פַארְשַׁייטֶע קִינְדְהַייט, דִיא אוּנְבֶּעזָאנְגֶענֶע יוּגֶענְד!
קֶענְסְט מַאכִין פוּן הָאנִיג — גִיפְט! — אַזִינְדֶע — פוּן דֶער טוּגֶענְד!
פַערוּישְׁט פוּן דֶעם שַׁארְפִין גִיטְרַאנְק, פוּן צִיוֹנ'ס פְרֵיילִיךְ גֶערִידֶער,
פוּן דֶעם יוֹמטוֹבְדִיגֶען רַעשׁ — דֶער יוּנְגְפְרוֹיעֶן שֵׁיינֶע לִיעדֶער:
הָאט מִיךְ פַאר כִּישׁוּפְט אִין גָארְטִין, דַיין גֶעטְלִיךְ שֵׁיינֶע פִיגוּר
אַז אִיךְ הָאבּ אִין יֶענֶער שְׁבוּעָה פַארְגֶעסִין אִין גַאנְצִין גָאר!

נָעה! ווִיא גָאטט שֵׁיינְקְט נִיט, אַז מֶען שְׁוֶוערְט אִין זַיין נָאמֶען דָארְט —
ער הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע עֵדוּת מִיךְ דֶערְמַאנֶען אִין מַיין וָוארְט —
דִיא נִיט בֵּייז, מַיין טְהַייעֶרֶע, מֶעסְסִיג דַיין גֶעוֵויין!

(ער נעהמט אן איהר האנד)

דִיא תְּשׁוּבָה פוּן דֶעם חוֹטֵא, נֶעהְמְט אָן אוֹיךְ גָאטט אַלֵיין! —.

אביגיל (צוּישׁפּ ריקט זיך אפ פון איהם) אַזוֹי — אַזוֹי! הָאטְ'ס הֵייסְטְ'ס
מִיךְ גֶעטְרָאפִין! —
אָה אוֹיף אַזאַ שְׁלַאג — הָאבּ אִיךְ נִיט גִיקֶענְט גָאר הָאפְפִין —
אַזוֹי! — אִיז עֶס אֱמֶת? — מֶעג אִיךְ'ס מִיר שׁוֹין גְלֵייבִּין,
אַז דַיין הֶערְץ הָאסְטוּ אַיין אַנְדֶערֶער שׁוֹין פְרִיר אַוֶועק גִינֶעבִּין?
גֶעגִין יֶענֶער הָאסְטוּ גֶעזִינְדִיגְט?! — זִיא מוּז רַאכֶע פֶערְלַאנְגֶען? —
אוּנ גֶעגִין מִיר הָאסְטוּ נָאר אַפֶעהְלֶער בֶּעגַאנְגֶען? —
פַאר גָאטט פַיינְסְטוּ זִיךְ אוּים מִיט דֶער תְּשׁוּבָה? ס'אִיז נִיט שְׁלֶעכְט!
נֵיין, מַיין טְהַייעֶרֶער, נָאר נִיט פַאר מִיר בִּיסְטוּ גִירֶעכְט!
אַזוֹינֶע בַּעֲלֵי תְּשׁוּבוֹת הָאט גָאט פִיל — עֶר שְׁטֶעהְט נִיט אִין דִיר
אוּנ אִיךְ הָאבּ אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דִיךְ — נָאר אֵיינֶער בִּיסְטוּ
בַּייא מִיר!...
נָאר דִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט, אוּנ קֶענְן, אוּנ וֶועל אֵייבִּיג קֶענֶנֶען!
דֶעם עֶרְשְׁטֶען פוּנְק דֶער לִיעבֶּע הָאסְט דוּא אָנְגֶעצוּנְדֶען אִין מִיר עֶר
זָאל בְּרֶענֶען!...
צְווֵייא יָאהְר הַאלְטְסְטוּ אוֹיף דָאס פַייֶער אִין שְׁטַארְקֶע הֵייסֶע פְלַאמֶען,
בִּיז אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער זֶענִין גִיוָוארִין צוּנָאוֹיפְגֶעשְׁמָאלְצִין צוּ זַאמֶען
אִין דֶעם טִיגֶעל פוּן לִיעבֶּע, טְרַייֶע אוּנ נַאטוּר!
ווִילְסְטוּ אִיהְם דֶען מִיט אֵיינְמָאל אַלֵיין צוּבְּרֶעכִין גָאר?
ווִילְסְט זֶעהְן ווִיא מַיין צוּגַאסֶען הַארְץ רִינְט בְּלוּט אוּנ הֵייסֶע טְרֶערִין? —
נֵיין, שְׁטֶער אַבְשָׁלוֹם! אַזוֹי שְׁלֶעכְט קֶענְסְטוּ נִיט וֶוערֶען! —
אָה! נִיט אַזוֹי גְרִינְג קֶען מֶען צוּרַייסִין אַזאַ קְנִיפּ אַזאַ גֶעזוּנְדֶען,

וואס געוואונהייט און ליעבע האט צוויא הערצער פערבונדען !
אה ניין ! אזא טרייע אביגיל געפינסטו ניט צווישן ווייבער !
דאס שווער איך דיר ביי אונזערע קינדערס מוטע לייבער !! —

אבשלום אה ! מיין טייערע ! גלייב מיר , אז אזוי וויא דיר קומט אן שווער
פון מיר זיך צו שיידין — איז מיר נאך ערגער — מעהר ! —
וויא גוט איז מיט דיר צו לעבין אין נחת און אין פריידין ! —
וויא שלעכט וועט אונז אבער זיין , ווען איבער אונזער גן־עדן
וועלען איביג הענגען שווארצע וואלקין פון שווערע קללות ! . .
אנגעפילט מיט דאנערענדער ראבע , שטראף און יללות ?
אז דעם לויטערען הימעל פון גליק וועלין מיר ניט ערבליקען ...
ניט וועט אונז דער מילדער שטראהל פון פריידען דערקוויקען ! ...
זיא , וועט ניט דערלאזין , דיא עלענדע , יאה , זיא ! —
דיא אומגליקליכע , וואס איך האב זיא גיבראכט דערצו ...
וועהסטו , וויא זיא פאדערט שוין ביים שופט איהר רעכט — און מיט רעכט !
און ביז איך וועל ניט געהן זיא מכפר זיין — וועט אונז איביג געהן שלעכט ! —

אביגיל . (נאכדענקענד) געה — (ענטשלאססין) געה !

(ער וויל געהן זיא האלט איהם צוריק פעסט)

ניין , אבשלום , ניין דוא קענסט ניט געהן !
וועסט דיין אביגיל ניט פערלאזין , ניין — אה , ניין !
האסטו אויף מיר קיין רחמנות . וועל איך רחמנות נאך געפונען !
שטעה אויף דערוואהרנין קינד ! און דוא , טוים׳ס פונ׳ם ברונען !!
רופט צוריק אייער טאטען ! ער וויל אויף איביג געהן ,
און אייערע אונגליקליכע מוטער וויל ער לאזין דא אליין ! . .
לאזט איהם ניט אוועק ! — איך קענט אויך אייער רעכט פערלאנגען !!

ווייל דורך איהם יענט איהר יונג פון דער וועלט גיגאנגען !!

אבשלום (האלט איהר ארויין אין דיא רייד) גענוג ! (טיעף בעוועגט)
אה שטארקער גאטט גיב מיר כח געשווינד !
איך זאלל קענען דעם מארטער איבערטראגין אצינד ; ! —
שטעלל מיך אונטער דעם שלאכקרעגין פון גיפטיגע פפיילען ,
שטעלל מיך הינטער דער פעסטונג געפעהרליכע ניילען ,
דיא גרעסטע געפאהר פון דער מלחמה איז מיר פיעל ליעבער ;
נאר שטעלל מיך ניט צו אזא נסיון — דא איז שווער צו זיין א גבור ! — (פויזע)
(געלאססין) גוט ! איהר האט רעכט ! איהר האט אללע דורך מיר געליטען !
יאה ! — און איך שטעה וויא אפעראורטהיילטער צווישן איך אין מיטען ! —
איך בין מודה אליין ! — מיין חטא קען מיר קיינער ניט פארגעבין ,
איך — איך מוז מיר אליין , יאה , מיין משפט ארויס געבין . . .
קיין אנדער מיטעל זעה איך ניט ! — יא , גענוג געוויינט — גערעט ..
קום שארפע פעדער ! שרייב דיר אונטער דיין דעקרעט ! ...

(ער האפט ארויס זיין שווערד און וויל זיך שטעכין)

אביגיל (האפט איהם אן ביי דער האנד) שטעה ! נאר דאס ניט ! איך לאז דיך יעצט פריי ! ..
פערצייה מיר טהייערע . איך בעט דיך פערצייה !
פערצייה דעם הערצין , וואס האט דיך אזויא פיעל בעטריבט !
וואס איז דאס שולדיג אז ס׳האט דיך אזוי שטארק געליעבט ?
עס איז מיר שווער געוועזען פריער — איך האב ניט געקענט ...
נאר יעצט ! — יעצט איז מיר שוין גרינגער . . . אה , אין דעם מאמענט ..
דוא קענסט נאך לעבין , ס׳איז שאדע — זעה מיין ליעבע איז גרעסער
איך ווינטש דיר אללעס , וואס איך קען נאר מאכין בעסער !

גע! ריינ דיר דיין שולד! נעם אויף זיך קיין סכנות...
און אפשר איז באמת אויף יענער אויך ארחמנות — ...
און איך, (זיא טהוט א וויפץ) ביז אין מיין טויט מאך איך מיר צום נדר
מיינע טעג נאר אין הייליגע תפלות צו פארברענגען כסדר! —
פאר מיר — פאר דיר — און פאר דיא נשמות פון מיינע קינדער (זיא ווינקט)
עה דיר געזונדערהייט אבשלום! — גע — גיך — געשווינדער!

(זיא פאלען ביידע איינם דעם אנדערן אויפן האלז און וויינען — ענדליך וועקט אויף אבשלום'ן דאס געוויין פון דיא קלאגווייבער — ער האפט זיך אויף און לאזט זיך לאנגזאם ארויסגעהן)

אביגיל (פאלט אויף דיא קניע) יאה גרויסער גאט, פערבארגין וועגען
דיינע וועגין!
מיר זינדיגע מארען אויף זייא קיין קשיות ניט פרעגין —

(זיא פערהילט דאס פנים און וויינט, דיא קלאגווייבער מיט זייער פרירידיק ליעד קעהרען צוריק און אז זייא קוממען צו צו אביגיל'ן, נעהמט איינע פון זייא טהוט איהר אן א זאק און אזוי מיט דעם קלאג געזאנג פיהרען זייא זיא ארויס לינקס)

II בילד II סצענע

(שטעלט פאר דאס ערשטע בילד פונ'ם דריטען אקט — נאר אויף דער ערד ברענט א פייער און עס קאכט זיך עפעס אין א קעסיל — ארום דעם פייער זיצען דיא פאסטעכער פון בית-לחם, א טהייל פייפען אויף פייפעלעך, א טהייל זינגען צו — דיא נאכט איז איבערגעשטערנט, דיא לבנה שיינט — דיא פאסטיכער זינגען)

דער וואלף דער יונגער   שלאפט ניט
פאר גרויס הונגער   שלאפט ניט,
אויף א ציגעלע א גרויס   וואס שלאפט ניט,
קוקט ער ארויס   און שלאפט ניט;
ציגעלע, פאר וואס   ש־אפסט ניט?
וארט דיך דאס   און שלאפסט ניט?
א סימן האסטו דאך   שלאף ניט!
אז דיין פאסטוך   שלאפט ניט! —

2.

דער בייזער טיגער   שלאפט ניט.
טהוט נאך קליגער   און שלאפט ניט,
ער ברומט ניט ווען ער   שלאפט ניט,
חאפען קען ער ווייל ער   שלאפט ניט.
דאס שעפעלע שרעקט זיך   און שלאפט ניט
מיט מורא וועקט מיך   „שלאף ניט!"
פאר וואס בארוהט   דוא שלאפסט ניט?
איך היט גוט   און שלאף ניט! —

און יענע חיה   שלאפט ניט...
איז זיך מחיה   און שלאפט ניט
גלאנצט דאס איגעל   שלאפט ניט
שארפט דיא נאגיל   שלאפט ניט!...
נישט קשה, לייבען!   שלאפט ניט!
איך וועל אייך געבין   „א שלאפט ניט",
געדיינקט נאר גיט!   און שלאף גיט!
אז דער פאסטוך היט   און שלאפט ניט! —.

עובדיה. איהר האט געהערט קינדער, וואס האט זיך פערלאפין?
וואס האט זיך יענע נאכט ביים שבן גיטראפין?

עזריאל. פון דעם טיגער מיינסטו? — וואס האט יענע נאכט
ביים שבן אין דער טשערעדע א'א רעש גימאכט?

עובדיה. דער פאסטוך מעג גומל בענשין, וואס איז אזוי גליקליך
דער טיגער וואלט איהם גיוועזן צוריסען אויף שטיקלעך!
ווייל ס'איז ניט איינער, א גאנצע מחנה גיוועזן...
אליין וואלט ער אייביג ניט געקענט באשטעהן;

מיר האבין פון דער ווייטינס דערהערט דעם גוואלד,
האבין מיר די בויגינס אנגעשפאנט באלד,
עטליכע האבין אונזערע פיילין גיטראפין,
אונ די איבעריגע טיגערס זענגען זיך צולאפין —,

עזריאל (קוקט זיך אום) שאט! איך זעה עפיס ריקט זיך פון ווייטין!

עובדיה (קוקט זיך צו) עס דאכט זיך דיר אויס! עס איז א שאטין!

עזריאל עס בעוועגט זיך דאך עפיס... אונ אלע מאהל מעהר!..

(אללע הייבין זיך אויף)

דאכט מיר עס ריקט זיך נאך נעהענטער אהער! —

איינער יאה! — איך זעה אויך, קינדער, טראכט ניט קיין סך!
גרייט איין פייל אונ בויגין אונ שטעהט אויף דער וואך! —

(אללע קוקין אין דער רעכטער זייט)

עובדיה נא פרעג איך אייך? זעהט איהר ניט קיין נא־נים?
עס איז מענטשין! — איך וועט מיט אייך — מיט אללע סימנים:

עזריאל יא איך וועט! —

עובדיה ——— נא לייג איין דיין רויטע קוה!
אונ אז איך וועלל געווינען? קינדער, שלאגט צו! —

איינער איך זעה אויך מענטשין — זייא זענען צוויא...
זייא לאזין זיך צו געהן אהער! — אט זעה!

עובדיה אנא עזריאל, אנא קום דיך צו.
נא? וואס זאגסטו יעצט? — אהער גיב די קוה!

12 סצענע

(אבשלום מיט זיין קנעכט קומט אריין רעכטס — נייגט זיך פאר זייא)

אבשלום עס זעגענט אייך ברידער, דער אלהים חיים,
איך בין א וואנדערער, איך געה פון ירושלים
איך בין א ייד, מיין נאמען איז אבשלום! —

אללע השלום לך, אורח, שלום לך — שלום? —

אבשלום קיין בית לחם איז מיין וועג — זאגט ערהליכע לייט,
דארף איך נאך ביז אין שטאט צו געהן עפעס ווייט? —

עובדיה זייא געבענטשט פון גאטט! יאה, ס'איז נאך ווייט אהין!
זעטץ דיך מיט אונז דא דערווייל אויסרוהען,
עס איז יעצט שפעהט! — בלייב דא ביז אין דער פריה,
אונ מארגין שטעללין מיר דיך קיין בית־לחם צו;
דערווייל בעטין מיר דיך, זאללסט אונז ניט אפזאגין,
טהייל מיט אונז אונזער נאכטמאהל, וואס מיר פארמאגין. —

צינגיטאנג עסע, עסע! אה —

אבשלום דאס איז מיין קנעכט דער ווילדער, מיין גיטרייער היטער!
איהר מעגט איהם גיבען קאפין — ער איז א קאך א געניטער!

(זייא ווייזען איהם אהן צום טעפיל וואס קאכט זיך צינגיטאנג שפרינגט פרייליך צו —
דרעהט מיטן לעפיל ברידט זיך אפ אונ שרייט — נאך א לאנגע פויזע ווענדעט זיך צו זייא)

אבשלום קענט איהר מיר ניט זאגין — הא! ס'איז מיר אראפ פון מוח:
איינעם — איינעם אין בית־לחם, מיט זיין נאמען — יאה מנוח!

עזריאל ווער? מנוח? — דער אלטער? אה איהם קען א קליין קינד!
עס קלינגט מיט איהם דאס גאנצע שטעטיל אציינד —

אבשלום וואס איז אזוינס? —

עובדיה איף איהם איז אויסגינאסין געווארין דער צארין פון גאטט;
איין אונ איינציגע טאכטער האט ער גיהאט —

אבשלום (אונגעדולד) איז וואס? נא נא — זיא לעבט? —

עובדיה הלואי וואלט זיא ניט געלעבט וואלט גיוועזן פאר איר בעסער
דאס אומגליק איז אבער נאך גרעסער אונ גרעסער
וואס זיא לעבט, אונ מוטשעט זיך געביך ס'איז א רחמנות;
זיא איז משוגע! שלאגט, פילדערט, שרייט מיט סכנות!...
איהר משוגעת איז נאר עפעס: קאמץ — ברונגען!
נאך ביז יעצט האט זיך קיין רופא געפונען

ער זאלל זיא קענגען פון דעם משוגעת אויסהיילן —.
איהר ציטערט ? — וואס ? עס שרעקט אייך מיין דערצייהלין ?
אבשלום (וויינט) אה שולמית ! — אה, געטריי אונשולדיג קינד !
איך בין שולדיג אין דיר — אין מיר ליגט דיא זינד ! — —
דוא עהרליכער מלאך ! — אבראם הייסט געטרייא ! —
אה, איך בין דער רשע, איך געשטעהס פרייא ! —
צו וויינג האסטו מיך בעשטראפט, גאטט נערעכטער !
טייט מיך ! — איך בין דער רשע ! — איך בין דער שלעכטער !

(אללע קוקען אידם אן אונ שטוינען וויא ער וויינט)

~~גוואלד ! יודישע קינדער איך בין פערלארין~~

(ער וואנקט — וויא האפן אידם אונטער)

אללע וואס איז מיט דיר ארעמער וואנדערער געווארין ?
אבשלום (פאר זיך) אזויא פיעל נפשות האבין אונשולדיג געליטען איבער מיר !
ווארט שולמית דיין בעל תשובה לויפט קניען פאר דיר !

(ער וויל לויפין — וויא האלטין אידם צוריק)

עובדיה מיר בעטין דיך ליעבער מענש, דוא זאלסט אונז זאגין וואס ביסטו עפעס אזוי שטארק צוטראגין ? —
אבשלום (גלאססין) גאר נים ! איך בין ארופא, איך קען זיא קורירען קענט איהר מיך נים יעצט צו דער קראנקער פיהרען ! —
עובדיה ניין ! — יעצט איז שפעהט — זיא שלאפט — מען דארף זיא נים שטערען —
געדולדיג דא איבער — אונ מארגין אז זיעט טאג ווערען,
וועל איך אליין מיט דיר געהן דיא בשורה אנזאגין ;
בערוהיג דיך אוים — אונ דיא נים צו טראגין,
טרינק פרישע מילך עס וועט דיר ערפרישן דיא גליעדער ! —
אונ פאר טרייב דיין מרה־שחורה מיט אונזערע ליעדער ! —

(אללע ליגען זיך אוים אויף דער ערד נעבין פייעריל — אבשלום אין דער מיטט [illegible] טרינקט פון א קריגעל מילך וואס אפאסטוך האט אידם צו געטראגין — ציגיי[illegible])

קאפט אלץ — בריהט זיך אפ, שרייט, אונטערהאלט זיך מיט דיא פאסטוכער — טהייל פון דיא פאסטוכער שפיעלען אויף פייפעלעך, אונ אטהייל זינגען)

קאהר פלאקער, פייעריל, פלאקר
קנאק אונז פריילוך צו,
לייכט אונז צו ביז אין דערפריה ;
דער בויער רוהט ביים אקער,
דער פאסטוך — ביי זיינע פיה,
שלעפט איז ליעב ניין מיה — .

1.

איינער ליגט זשע צו האלין ! —
מיר מעגין ניין שטאלץ,
פריילוך טאנצען אין קאהן
וייל פאסטעכער אליין,
זינגען דאך גיווען
אונזערע אבות פון אייביג אהן ! —
קאהר פלאקער פייעריל א. ז. וו.

2.

איינער דאס פעלד איז אונז ליעב
דיא לופט אין דער שטוב
הלעבין איז אומגעזונד ;
דאס דערציילט אייך אלדינג,
אייער אייגענע לינג,
אז זיא באקומט געביך
דיא קראנקע וואונד ! —
קאהר פלאקער פייעריל א. ז. וו.

3.

איינער דיא גרויסע שטאדט,
שאט אסך, שאט
דער חשק, דיא דאגה, דער וויין !
דער טריקענט דעם כח ...
דיא דארט דער מח ...
דער טרייבט יונג אין דערערד אריין !
קאהר פלאקער, פייעריל א. ז. וו.

(דאס לעצטע קאהר זינגען זייא שוין האלב שלאפענדיג — זייא בייגען אן דיא קעפ אונ ווערען ענטשלאפין — נאר וויא א ווידערקול הערט מען נאך דאס פייפעלע — דיא לבנה פערגעהט אין נעבעל — פון איין זייט הייבט נאר וואס אן צו טאגין)

(דער פארהאנג פאלט לאנגזאם.) —

פירטער אקט

12 בילד 1 סצענע

(שטעלט פאר דאס איינפאכע צימער פון דעם אלטין מנוח — אויף א קליינעם דיוואן ליעגט שולמית קרענקליך, שוואך, צו צייטין רייסט זיך ארוים פון איהר ברוסט א שווערער זיפצט — נעבען איהר אויף אקליין טישעל שטעהט א קאניץ אונ צאנקט, איינינע רפואות שטעהן אויך דארט — מנוח זיצט ביי איהר צוקאפ'נס — טרויריג ווישט ער זיך דיא אויגין — ער הייבט אויף דיא הענד צו גאטט אונ וויינט)

מנוח גאטט זעה אליין ! — ווערהמען דוא ווילכם דא נאר געווינען ?
גאטט זעה אליין ! — ווערהמען צו מוטשען דוא האסט געפונען ?
וואס איז דער מענטש ? — אביסעל שוים !
וואס בלאזט אוועק דער קליינסטער ווינד...
וואס איז זיין לעבין ? — א קורצער טרוים ,
וואס ווערט פערפלויגין , גיך אונ געשווינד ! —
גאטט זעה אליין ! ווען איך האב געזינדיגט פאר דיר ,
גאטט זעה אליין ! — וויא איך בעט דיך זייא מיר מוחל — זייא מיר !
נעהם אראפ פון מיר דיין שווערע האנד ,
זינדיגען וועל איך שוין נים מעהר ! ...
אויסהאלטין בין איך אומשטאנד !
אוי ! — דיין שטראף איז דאך זעהער שווער ! — (פריוע)

שולמית (מהיט א קרעכטץ) אוי ! — —

מנוח אוי איז מיר אונ וועה ! טאכטער , ביסט אלץ פארטראגין ?
וואס פעהלט דיר ? ווילסט אלץ דיין טאטין נים זאגין ? —

שולמית ברענג מיר , גוטער טאטע , אביסעל וואסער אהער !
עס טריקענט מיר אין מויל , דיא ברוסט ברענגט מיך זעהר !

מנוח איך וויל דיך אבער נים איבערלאזין אליין —

שולמית האב נים מורא , טאטע , עס וועט גאר נישט געשעהן ! —

מנוח וועסטו שוין אבער רוהיג זיין ? זאל איך דיר גלייבען ?

שולמית זייא רוהיג ! —

מנוח רוהיג ? — איך געה ! — וועה איז צו מיין לעבין (אב)

2 כצענע

שולמית (אליין זינגט , ליגענדיג , מיט א'אנץ שוואכער שטימע)
גאטט זעה אליין ! — ווערהמען דוא ווילכט דא נאר געווינען !
גאטט זעה אליין ? — ווערהמען צו מוטשען דוא האסט געפונען (א זיפץ)
וואס איז דער מענש ? — אביסעל שוים

וואס בלאזט אוועק דער שנעלכסטער ווינד ,
וואס איז זיין לעבין ? א יינגעלער טרוים ,
וואס ווערט פערפלויגין גיך אונ געשווינד ! (זיא קרעכצט אונ הילט איין
מיט א געוויין איהר פנים אין קישען)

אבשלום (עפענט פון דרויסין דאס פענסטער אונ קוקט אריין נייגיריג)
דא וואוינט זיא ! — אה גאטט דאס איז זיא ? ! —
אך וויא פערענדערט ! (ער וויל גלייך רעדין אונ האפט זיך צוריק) ניין
שנעלל ! צו פריה !
דיא איבעררַאשונג קען זיא נאך קריינקליך ערשרעקען ! —
עס קען איהר נאך שאדען ! — לאנגזאם מוז מען זיא וועקען ...
לאמיך מיך צו הערען — וואס ליגט אין זינען ביא איהר ...
צו דערמאנט זיא נאך מיך ? וואס דיינקט זיא פון מיר (ער הערט זיך אונטער)

שולמית א חלום ! — יאה א חלום ! אללעס איז יעצט שטילל ארום מיר !
איך האב יעדין פערטריבין ! — קיינער קומט נים צו צו מיין טהיר !
פערכישופט האב איך דאס אלט — מיט מיין היילינגער שבועה ...
אונ מיין טאטע גיט מיר א רפואה נאך א רפואה !
וואס קען העלפען זיינע מיטלען — אז ער קען נים טרעפין מיין
קריינק ...
אונ וואס קען ער מיר העלפין — ווען ער זאלל שוין וויסען אז איך
ביינק ! ...
איך מיין משערעדע , מיינע שפעפעלעך וואס איך פלעג נחת אין זייא
קלייבען ,
קענגען מיך יעצט נים צערשטרייען , מיין מרה-שחורה צו פערטרייבען.
אז אין יעדין אונשולדיגען שאף וואס לעקט דעם פרישען טאוי
זעה איך א ווילדע קאטין מיט איהר גרילצענדיגען „מיוא"
איך שעהם זיך פשוט יעצט אויף דיא בערג ארויפצוגעהן ,
אז דיא פריהמארגען זון , וואס איז געוואוינט מיך מונטער צו זעהן ,
זאלל מיך יעצט נים בעגעגנען מיט פערוויינטע אויגען ! ...

זיא וועט אלאך טהין ! — אונ זיך ווייטער אוועק טאנצין אויף איהר
בלויען בויגען ! —.

דאס שטילע וועלדעלע, וואס פלעגט אנהאלטין דעם אטעם פריר,
צו צוהערין זיך אויפמערקזאם צו דעם ניגון פון מיין שיר,
וועט פארדרעהן דעם קאפ — אונ טרעכען מיט דיא גרינע אויערען,
אז מיין קרעכצין, אונ זיפצין, זאל זייא גיט דורכבויערען!
וואס זאלל איך טהין? איך קען פריילעכס היינט ניט זינגען
נאר צום טרויריגען — האט מיך דאס שיקזאל היינט בעדרונגען!...
דאס איז מיין ניגון! — איהר מעגט הערין — אדער ניט!
מיר געפעלט ער שטארק — — מיר געפעלט ער ניט: — (זינגט)
אה דער ברוננען, אה דער
אונ דיא קאטצע, אה דיא אה

אבשלום (פון דרויסין ווידערהאלט זינגענר) אה דיא אה!

שולמית (הערט זיך רוהיג צו צום ווידערקול אונ רעדט צו פרידען)
דאס ווידערקול! יאה, דאס איז מיין איינציגער גוטער פריינד
וואס איז נאך געבליבען מיך צו טרייסטין היינט (זיא זינגט ווייטער)
„זאללין זיין וויא איך שווער
עדות צו אונזער שבועה:

אבשלום (זינגט פון דרויסין) שבועה! —

שולמית (הערט זיך צו צו דער שטיממע) זינג מיר נאך ווידערקול,
העלף מיר מיט! העלף מיר מיט!
דוא מאכסט מיר נאך אפילו זיין שטיממע אין דער מינוט (זיא זינגט)
„אז ווער נאר פון אונז וועט ברעכען דאס ווארט!"

אבשלום (אין דרויסין זינגט) וועט ברעכען דאס ווארט!

שולמית (צופרידען) נאטירליך! — אבער נאטירליך וויא זיין שטיממע אליין
זינג מיר נאך, ליעבער פריינד זינג נאך, בלייב נישט שטעהן (זיא זינגט)
זייא אליין זאללען דארט (דארט!)

פערלאנגען אויפ'ן ארט (אויפ'ן ארט)
ראכע! ראכע!

אבשלום (פון דרייסין מיט א געשריי) יאה ראכע! ראכע! דיא ביטערע ראכע
זיא איז שוין [illegible] (ער פאלט)

שולמית (איבערראשט האפט זיך אויף) הא? — וואס הער איך? —
צו דאכט זיך מיר? — דאס איז וויא זיין שטיממע אליין?
ניין! דאס איז נאר דיא איינבילדונג, פון מיינע נערווען דיא
שוואכע! — (נאכדענקענד)
דאכט מיר! — איך האב דאך געהערט פון זיין אייגין מויל „ראכע" !
ניין, מיין ליעבער, איך פאדער שוין קיין נקמה, ניין!
אבי קום נאר צו מיר — לאמיך דיך נאר זעהן

3 סצענע

(ווערענד זיא הייבט זיך אויף צוגעהן צו דער טהיר פאלט איהר צינגיטאנג אריין אין דיא הענט):

צינגיטאנג אה, אה, מיידעל, א זעלכעס אזוינס — גע אוועק!

שולמית (שטוינענד) הא? דאכט מיר זיין בעדינטער? — וואס
געהט דא פאר מיט מיר א שרעק! (שטאמעלענד)
וו—וו—וו—וויא—קומסט דוא א—א הער?
וו—וו—וו—וויא איז ד—דיי—ן—הערר?

צינגיטאנג (קרימט זיך נאך) ווא ווא ווא — הע הע — זיא קען ניט נייעס
אה אה (לאכט)

שולמית וואו איז דיין הערר? — טויט? — לעבט? — יאה? —

צינגיטאנג ניין פיצעלע — האס — באס — טויט — ניין! —

שולמית (ערשראקין) וואס? — — טויט? — — —

4 סצענע

אבשלום (פון דרויסין) ניין, ער איז ניט טויט, ער לעבט! ער איז ביי דיר!
(שולמית פאלט אנישרייא און)

אבשלום (אריינגעהענדיג) נעהם צו דעם בעל תשובה איך בעט מוחל זיין מיר
(ער פאלט איהר אויפן האלז וויינענד) (פויזע)

ציגיטאנג (ווינט איך) מיר אויך, צעלעכם — אוינם — נאך מידעל נאך מידעל!

אבשלום ביסט עוואך? ביז צומישט? ניין ביסט נישט משוגע!
איך האב אלעס געהערט — דאס איז קלארע ווערטער קלוגע!
נא גענוג געוויינט! אבי מיר עהן זיך אין א גוטע שעה,
ביסט נישט ביין זאג! ביסט קראנק? נא גענוג געוויינט נא!

שולמית (זינגענד) ניין — איך בין נישט קראנק — איך בין נישט ביין אויף דיר! (פויזע)
ווייסט שוין מעהר נישט אוועק? בלייבסט שטענדיג ביי מיר?

אבשלום קיין צווייפעל שולמית — פארגעס אין דעם חלום!
אייביג בלייב איך דיינער — אייביג איז דיינער אבשלום!

(זייא אומארמען זיך — אין דעם קומט אריין מנוח לינקס מיט א קריגעל וואססער אין דער האנד פערטראכט)

13 בילד 3 סצענע

מנוח נא דיר וואססער מיין קינד!

ציגיטאנג (שפרינגט צו, האפט דאס קריגעל) וואססער, וואססער!

מנוח (הייבט אויף דיא אויגן ערשראקן — אונ פרעגט שטוינענד) וואס איז דא, וואס איז?

אבשלום (געהט צו געלאססן) איהר זענט דער אלטער רבי מנוח גיווים!
א רופא מומחה בין איך, איך האב געהערט פון אייער אומגליק דערציילן,
בין איך געקומען אהער אייער מאכטער אויסצוהיילן! —

מנוח דער גרויסער גאטט זאל אייך שיקען דערפאר לאנג לעבין! —
אומזיסט אבער, גוטער מענש, דאס איהר אייך מיה געגעבין!
דען וואו ס'איז נאר דא אמיטעל אין דער וועלט האב איך פרובירט
וואו ס'איז דא א רופא אין דער וועלט האט זיא קורירט
אומזיסט! — נאר — טא, פרובירט! — פרובירט נאך אייער רפואה
אפשר וועט גאט דורך אייך — איהר צושיקען דיא ישועה!

אבשלום מיין מיטעל איז נייא, איך הייל נאר מיט מיין שפראך! ...

דעם שכר פאר דער מלאכה וועל איך פאדערין ביי אייך דערנאך
איך ווייס אז פאר אייער קינד'ס געזונד וועט איהר אין קיין [illegible] נישט שטעהן

אז איך וועל זיא געזונד מאכין פאר אייערע אויגן א[illegible]ן! —
איהר שווייגט נאר, שטעהט דא אויפ'ן ארט
אונ הערט וויא זיא זאגט מיר נאך יעדעס ווארט — .

אבשלום (פאנגט אן צו זינגען דיא שבועה — שולמית זינגט איהם נאך צום שלוסס יעדעס ווארט ביז ביים דועט בייא דיא ווערטער „דאס וועט אבער קיינמאהל נישט געשעהן" נעהמען זייא זיך ארום — אונ ביז אין שלוסס אומארמען זייא זיך ביידע) (פויזע)

ציגיטאנג (צו מנוח'ן) מיר אויך זוינם א געלבם!

מנוח וואס? איך זעה מיין קינד געזונד, וויעדער אויפלעבען (מונטער) זאג, ווער איז דער מלאך? אונ וואס פאר א שכר קומט איהם — יאה, וואס ווינשטו דער פאר! —

שולמית אדאס איז טאטע דער דורך וועמען איך בין אראפ פון זינען!..
אדאס פלעג איך אלץ שרייען! „קאטצע אונ ברוננען!"
איך האב'ס אומיסטען געטהין — קענען דיא חנים מיינע,
ווייל איהם האב איך געשווארען טרייע — שוין לאנג בין איך זיינע,
דאס איבעריגע וועל איך דיר שפעטער דערציילען,
פאר וואס נאר ער האט מיך געקענט אויסהיילען! —

אבשלום אונ איך וואס פאר א שכר קען איך פאדערען ביי אייך?
איהר זענט גאר נישט אימשטאנדע מיר צו געבין אזא סך,
וויפיל איך וואלט באדארפט פאדערן פאר אזא מלאכה;
איך שיינק אייך אלעדינג — נאר גיט אונז אייער ברכה! —

מנוח מיין ברכה איז וועניג — דען וויא איהר זאגט איהר געבינקט
דאט אייך גאטט זיין ברכה לאנג שוין געשינקט! —
יעצט דארפען מיר קיין אומגליק נישט פערכטען
קיין ירושלים געהן מיר שנעלל אלע צוזאמען

קרבנות מקריב זיין מוזען מיר יעדער באזונדער
איך פאר מיין נדר — אונ איהר פאר אייך, קינדער,
אונ ווייל ס'איז גראד יום טוב וועל איך מאכען דארט
אייער חופה מיט א שמחה מאכען אויפן ארט

(ער קושט זייא ביידע — ציגיטאנג טהוט איהם נאך)

ציגיטאנג מיר אויך מיידעל, מיר אויך קוש! אהה!
אבשלום גיבען, מאנצדער וייל — יאה, יאה! —

(אללע זינגען א קווארטעט)

אך וויא בין איך פריילך אונ ענטציקט,
אז גאט האט מיך אזויא בעגליקט,
איך האב גאר ניט מעהר געדאכט,
האט מיר גאטט דיא הילף געבראכט —
צו צולעבען איז שוין יעצט כדי,
ווייל מיר לעבין ווידער אויפס נייא,
אונזער שמחה האבען מיר שוין צוריק,
לאז גאטט גיבען אז ס'יאל זיין מיט גליק — .

(אין דיא מאמענטען פונ'ם זינגען פאלט צו ציגיטאנג מיטען פייקיל אונ טאנצט — אללע געהען ארויס)

(צווייטער פארהאנג לאזט זיך אראפ)

14 בילד 6 סצענע

(דיא מוזיק שפיעלט א מארש — אין דער מיט בלייבט ויא שטעהן — מען הערט פון אונטער דער פארהאנג דאס קאהר זינגען)

פאר גיעב דיין פאלק ישראל זיינע זינד
דיך איבערבעטין קומט ער אצינד,
מיט טרערין זייער פיעל
זיך בוקען פאר דיין שטול,

כהן — אז איך דערמאן דעם נאהמען אלהים:
גיט זשע אללע מיט מיר שבח צו איהם

זינגט אללע אזוי, ברוך וברוך שמו —

(קאהר ווידערהאלט דיא סאלא — מוזיק שפיעלט ווייטער מארש)

15 בילד 7 סצענע

(דער צווייטער פארהאנג הייבט זיך אויף — עס שטעלטפאר — דרייא אבטהיילונגען פון טעמפעל — אין דער ווייטער טיעפע זעהט מען ברעננען דיא מנורה, דעם טיש פערגאלדעט מיטן לחם הפנים, פאר דעם פארהאנג פון קדשי קדשים הייגנט א נר תמיד פון אויבען, בייא דעם מזבח, אין דערמיט, וואס א פייער ברענט שטעהט דער כהן גדול מיט דעם אזוב אין דער האנד, ארום איהם שטעהן כהנים — לויים מיט כלי זמר, אונ קליינע כהנים'לעך מיט גילדענע קריגלעך אין דיא הענד, הינטען אין דער עזרה פון פאר דיא ביהנע שטעהט דער עולם מיט פאהנען אונ פאקעלען מיט אתרוגים אונ לולבין אין דיא הענט — אין דערמיט דער כיור — שפריצט וויא א פאנטאן — דיא קאלאנען זענען מארמאר, פערגאלדעט מיט פערשיעדענע קאלירנדיגע פארהאנגען.

(אז דער פארהאנג געהט ארויף זינגט דאס קאהר ווייטער)

קרבנות איז מען מקריב גאטט פאר דיר
חרטה האט מען אויף דיא זינד פון פריר
אונזער געבעט דערהער
גאטט אונזער הערר!
אז איך דערמאן דעם נאמען אלהים
גיט זשע אללע א שבח צו איהם
זינגט אללע אזוי
ברוך וברוך שמו

8 סצענע

(קאהר ווידער האלט דיא סאלא — דיא לויים, טאנצען אף זייער טאנץ — קומט אן מנוח מיט אבשלום'ן אונ שולמית פייערליך געקליידעט — אבשלום שטעלט זיך רעכטס צום מזבח אויף דיא קניע אונ שולמית לינקס אויף דיא קניע — דער כהן לייגט ארויף אויף זייא דיא הענד אונ בענשט זייא)

דער גאטט וואס האט געבענטשט אונזערע אבות אללע,
דער זאל בענטשען, דער זאל בענטשין חתן כלה,
ער זאל שיקען, ער זאל שיקען, פון דעם הימעל הויך
פיל ברכה, אונ הרוחה, אונ הצלחה אויך

(קאהר ווידערהאלט)

קינדער קאהר מזל טוב, מזל מזל טוב!
פיל ברכה, אונ הרוחה, אונ הצלחה אויך

פֿאָם קאהר זינגט אפ — אבשלום מיט שולמית'ן שטעהן אויף , דער פֿאטער מנוח פֿיהרט זייא ארום , ארום דעם מזבח — דער גאנצער צוג מיט דיא פֿאהנען מיט די כהנים מיט אללע אין איינעם מאכען איין הקפה ארום דעם מזבח דורך דיא קאלאנען. וועהרענד אללע זינגען הויך מונטער

גִּיט אַ שֶׁבַח !
זִינְגְט אַלֶע גְלַייךְ !
זִינְגְט נָאר אַלֶע וֶוער נָאר כֹּחַ הָאט —
גִּיט אַ שֶׁבַח ,
זִינְגְט אַלֶע גְלַייךְ ,
מִיר הָאבּעֶן אַ גְרוֹיסִין גָאטט ,
פְרֵיילֶעךְ , אַלֶע יוּדֶעלֶעךְ אִין אֵיינֶעם ,
גָאט הָאט אוּנְז מוֹחֵל גֶעוֶוען אוּנְזֶערֶע זִינְד
עֶמְפְּפַאנְגֶען וֶועלֶען מִיר דְעם יוֹם טוֹב דֶעם שֵׁיינֶעם ,
זִינְגְט , טַאנְצְט , שְׁפִּיעֶלְט , פְרֵייט אַייךְ אַצִינְד
אוֹיסְגֶעוֵויינְט הָאט יעֶדֶער זַיינֶע שְׁמֶערְצֶען ,
נוּט , נוּט , נוּט , פוּן דֶעם גַאנְצִין הֶערְצֶען ,
אוּנְזֶער בַּקָשָׁה הָאט גָאטט גֶעהֶערְט שׁוֹין לַאנְג ,
לָאמִיר אִיהם אַלֶע דַאנְקֶען מִיט גֶעזַאנְג
אַלֶע דַאנְקֶען ,
מִיט רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען
גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאל זַיין , זַיין נָאמֶען יָאה , יָאה ,
כֹּל הַנְשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ , הַלְלוּיָהּ —.

(פֿארהאנג פֿאלט לאנגזאם)

ענדע

А. Гольдфаденъ

5 A